NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02000

HUMESH IN MAYSELEKH FAR KINDER

Victor Spritzer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חומש

אין מעשהלעך פאַר קינדער

באַנד 1

בראשית
שמות

קאָמיטעט אַרויסצוגעבן און פאַרשפּרייטן
אביגדור שפּריצערס
חומש — אין מעשהלעך פֿאַר קינדער

צייכענונגען
פון מישע שוואַרץ

בוענאָס איירעס 1948

חומש

אין מעשהלעך פאר קינדער

פון

אביגדור שפּריצער

בוענאָס איירעס ה'תש"ח

J U M O S C H

(PENTATEUCO — EN CUENTOS PARA NIÑOS)

Impreso en la Argentina — Printed in Argentine
Hecho el depósito que marca la ley
Copyright by **Victor Spritzer,** Bs. Aires, 1948
אלע רעכט פארבאהאלטן

בְּראשית

בראשית

בראשית	זייט	11
נח	״	19
לך-לך	״	27
וירא	״	33
חיי שרה	״	41
תולדות	״	47
ויצא	״	55
וישלח	״	61
וישב	״	67
מקץ	״	73
ויגש	״	81
ויחי	״	87

בראשית

א. ב ר א ש י ת — אין אָנהייב. אין אָנפֿאַנג. פֿאַר אַלעמען.
פֿאַר אַלץ —
פֿאַר וואַרימס, פֿאַר קאַלטס. פֿאַר נאַסקייט, פֿאַר טריקע־
ניש. פֿאַר לופֿט, פֿאַר שטיקעניש. פֿאַר ליכט, פֿאַר פֿינצ־
טערניש —
פֿאַר עפּעס!
נו, וואָס אזוינס? נו, טרעף עס! —
וואָס עפּעס, געטראָפֿן האָט עפּעס, פֿאַר עפּעס?
פֿאַר אַלעמען. פֿאַר אַלץ. פֿאַר וואַרימס, פֿאַר קאַלטס. פֿאַר
פֿינצטערניש, פֿאַר ליכט. און פֿלוצים, און אומגעריכט. נאָך
ווען, אין אָנפֿאַנג, אין אָנהייב, ווי הייסט עס —
ב ר א ש י ת ! —
א קלער, א טראַכט, א שפּאַן, א טראָט, און באַלד, און
אָט! — :
בראשית — אין אָנהייב, אין אָנפֿאַנג,
האָט
גאָט
באַשאַפֿן — מיט ליבע, מיט ווערד —

דעם הימל,
די ערד.
און גאָטס־געבאָט:
„זאָל ווערן ליכט!"
און ס'איז געוואָרן ליכט אין דער זעלבער מינוט.
און ס'איז געווען גוט.
און איין צי, און איין זאָג,
און ס'איז געווען אָוונט
און ס'איז געווען פרימאָרגן —
איין טאָג.

און אין צווייטן טאָג, אין דריטן, אין פערטן און אין פינפטן — אַלץ געשאַפן און געבוירן,

צו זיין און זיין און גיין פאַרלוירן.

און דער מענטש איז ערשט באַשאַפן געוואָרן אין זעקסטן טאָג, אין ערב שבת:

אדם — דער עלטסטער פון די זיידעס, און חוה — די עלטסטע פון די באָבעס.

און ס'איז געווען זייער גוט —
דאָס באַשאַפענע ביז צו דער לעצטער מינוט,
פון אָנפאַנג אָן ביז צום לעצטן טאָג —
און ס'איז געווען אָוונט
און ס'איז געווען פרימאָרגן —
דעם זעקסטן טאָג.

ב. און פאַרענדיקט איז געוואָרן די גאַנצע אַרבעט אומעטום, וואו־נאָר־וואו.

און דער זיבעטער טאָג איז געוואָרן געהייליקט — דער טאָג פון רו.

און דער זיבעטער טאָג איז געוואָרן געבענטשט.

און אדם און חוה — די ערשטע צוויי מענטשן — האָבן זיך געמענטשט.

און זיי האָבן זיך געמאַכט שבת.

דער עלטסטער פון די זיידעס, און די עלטסטע פון די באבעס האָבן אַרומגעשפּאַצירט אין גן־עדן, אין פריידן, זיך געמענטשט און געבענטשט — געמאַכט זיך שבת.

ג. און די שלאַנג איז דעמאָלט געווען קליגער פון אַלע חיות פון דעם פעלד.

האָט זי אָבער געוואָלט זיין א חכם, אַ העלד,

און זי האָט פאַרדרייט חוהן דאָס קעפּעלע,

צו עסן פונעם עפּעלע.

איז די שלאַנג — ווי גרויס און לאַנג —

אַראָפּ פון איר ראַנג,

ביז אונטערן אונטערשטן טרעפּל — וויי צו איר קעפּל!

און ס'האָט נישט געהאָלפן איר חכמה, איר מוח —

זי האָט שוין מער נישט געקאָנט גיין, נאָר רוקן זיך אויפן בויך.

און אויך חוהן און אדמען איז פון דעם קיין גוטס נישט אַרויסגעקומען —

זיי האָבן זיך צום בוים פון יענעם עפּעלע גענומען.

און דערנאָך האָט זיי געטון באַנג,

וואָס זיי האָבן געפאָלגט די שלאַנג.

און זיי האָבן שוין קיין נחת נישט געקליבן.
זיי זענען ווי אָפגעשמיסענע געבליבן.
זיי זענען געיאָגט געוואָרן פון בוים צו בוים. פון דעם גאָרטן פון עדן, פון דעם טייערן גאָרטן, פון דעם גן־עדן,
האָבן זיי זיך געמוזט צעשיידן.
זיי זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, אַז זיי האָבן שיעור נישט די ביינער געקליבן.
און זיי זענען געוואָרן פאַריאָגט און פאַרטריבן.

ד. און אדם און חוה האָבן אָנגעהויבן זייער לעבן צו באַנייען.
און חוה האָט געבוירן א זון — קין.
און דערנאָך האָט זי געבוירן א זון — הבל, קינען א ברו־דער.
און ס'איז געוואָרן א גערודער,
א בייז גערודער,
א בייזער פאַרקאָך,
א בייזער פאַרמיש,
ווי אין וואסער — די פיש,
געשוואומען, געשפרונגען,
איינער דעם אַנדערן געשלונגען.
און —
דאָס לעבן צו באַנייען,
איז, פון די צוויי ברידער, נאָר פאַרבליבן קין.

נאָר ער האָט שוין קיין נחת נישט געקליבן.
ער איז געוואָרן פאַריאָגט און פאַרטריבן.

ה. און יאָרן האָבן זיך געמערט.
און מענטשן האָבן זיך געמערט.
און די ערד —
פאַרשאָלטן איז געווען די ערד.
און ס'האָט אַזוי גערויערט און גערויערט, ביז — ווער ווער ווייסט —
אייניקע האָבן געזוכט א טרייסט
אין א ניי־געבוירענעם, און אים א נאָמען געגעבן נח.
ער זאָל זיין א טרייסט, ער זאָל זיין א כוח.
און —
יאָרן זענען געגאנגען ווי מיטן רויך —
אָט־אָ דער־אָ נח,
איז געוואָרן א טאַטע פון דריי זין — ווי אַלע ווייסן —
שם, חם און יפת, האָבן זיי געהייסן.
און ווען נח איז געוואָרן א טאַטע, איז ער אַלט געווען פינפהונדערט יאָר,
נישט ווינציקער א האָר,
נאָר דער עיקר, — נישט פאַרגעס עס, נישט פאַרשלאָף עס —
נח האָט געבוירן דריי זין:
שם, חם און יפת.

ו. און ס'איז געווען ווען די מענטשן האָבן זיך אַלץ געמערט און געמערט,
האָבן זיי נאָר שלעכטס געקלערט.
און דאָס שלעכטע פאַרמערן,

האָט זיך אָנגעהויבן דערפילן, דערהערן,
אַז קיינער קאָן נישט פאַרטראָגן זיך אַליין.
צווישן יאָ און ניין,
ווערט דאָס האַרץ א שטיין.
און א סוף מוז ווערן צו דער וועלט, צו אלעמען און אַלץ!
נאָר איינער אַליין
איז געוועזן ריין.
און דער איינער אַליין,
האָט געפונען חן.
דאָס איז דער איינער — שריי מיט כוח —
ער האָט געהייסן נח.

אדם און חוה אין גן-עדן

נח

אלה—דאָס איז, תולדות—די געשיכטע, פון נ ח —איי־נער האָט געהייסן נ ח. דאָס איז די געשיכטע פון און ביז — פון וואַנען און ביז וואַנען — איז אָנגעהויבן נאָכאמאָל פון דאַנען:

אלה — דאָס איז —
וואָס איז? נו, מילא,
זאָל זיין אלה —
טייטש עס — דאָס איז.

אמאָל, אַמאָל נאָך האָט זיך די דאָזיקע געשיכטע אָנגע־הויבן אַזוי און אַזוי, און היינט הייבט זי זיך אויפדאָסניי אָן אזוי און אַזוי:

נאָר דערעיקר, נישט זיך פארזאָרגן, פאַרזויערן. נישט זיך פאַרקלערן, פאַרטרויערן. נישט צו פיל זיך פאַרטראכטן, און נישט צו פיל זיך פאַרמוחן —

אלה תולדות נ ח — דאָס איז די געשיכטע פון נחן.

דאָס איז דער־אָ נח, וואָס איז געווען א רעכטפאַרטיקער, פיינער מאַן. ערלעך זיין יעדער שפּאַן. און א חוץ אים זענען אַלע שלעכט געווען. אַלע, ביז איין מאַן.

אַלץ איז פאַרדאָרבן געווען, אַלץ איז פאַרשטיינערט גע־וועז. און פאַלשע רייד. און פאַלשע ליב.

און די ערד איז פול געוואָרן מיט רויב.

א צייט געווען, א צייט, שוין גאָרנישט קיין קאַטאָוועס.

און נ ח האָט געהאַט דריי זין — שם, חם און יפת.

איינער א געלער, איינער א שווארצער און איינער א בלאַסער.

און נח האָט פלוצים דערפילט, פולע קעשענעס מיט וואַסער.

און איידער ער האָט זיך אומגעקוקט אויף דער אַנדערער זייט, האָט ער דערזען, אַז נאָענט און ווייט איז כמעט אַלץ שוין געוואָרן צערונען און צעשוואומען.

און אָט־אָט קומט א פאַרפלייצונג, א מבול, און אַלץ וועט אומקומען.

האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שטיוול און פאַרקאַ־טשעט די הויזן און די אַרבל, און ער האָט אַ טראָט געטון. א פלי, נישט קיין טראָט —

ער האָט זיך א לאָז געטון צו גאָט —

און פאַרנומען די רייד צו מאַכן זיך א לאַנגן, ברייטן, הויכן קאַסטן — א גאַנצע תבה.

און צונויפנעמען פון יעדן מין, מאַן און ווייב, זכר און נקבה.

און אויך אָנגרייטן שפּייז — מוז מען פאַרשטיין, סע זאָל זיין אַן אַרבעט פאַר די ציין.

ז. און ס׳איז געווען ווען ס׳איז געקומען נאָך זיבן טעג,

זענען שוין די וואַסערן פונעם מבול געווען אויף דער ערד, אויף שטעג און וועג.

און אין דעם טאָג זענען געשפּאָלטן געוואָרן אַלע קוואַלן.

און די פענצטער פונעם הימל האָבן זיך גענומען צעע־פענען, צעפּראַלן.

אין דעם זעלבן טאָג איז געקומען נח מיט זיינע זין, מיט זיין ווייב, מיט די דריי ווייבער פון זיינע זין.

זיי זענען געקומען — מע פאַרשטייט שוין וואוהין.

אַהין, אַהין, אין דעם קאַסטן אַריין — אין דער תבה.

זיי, און פון יעדער חיה, און פון יעדער בהמה, און פון אַלע אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן, מאַן און ווייב — זכר און נקבה.

און די אַלע אין דער תבה זאָלן נישט אומקומען אין מבול, זאָלן בלייבן לעבן. און — עמיצער האָט דערויף גענאָסן —

און נחס תבה איז געוואָרן צוגעשלאָסן.

און די אַלע, וואָס זענען אין דער תבה נישט אַריין, איז געוואָרן פינצטער און ביטער, שלעכט און שלעכט.

דער רעגן איז געגאַנגען פערציק טעג און פערציק נעכט.

און די וואַסערן האָבן זיך געמערט און זיי האָבן די תבה אויפגעהויבן, הויך, הויך איבער דער ערד.

און די וואַסערן האָבן זיך געשטאַרקט און געשטאַרקט און — ווי יענער האָט גענאָסן —

ס'איז קיין שום שלעכטס נישט געשען צו די וואָס זענען געווען אין דער תבה פאַרשלאָסן.

און וואָס ס'איז געשען מיט די אַנדערע, מיט די וואָס זע־

נען נישט אַריין אין דער תבה? — אוי! בעסער נישט רעד דערפון, נישט רעד, נישט פרעג!

און די וואַסערן האָבן זיך געשטאַרקט אויף דער ערד הונ־דערט און פופציק טעג.

ח. און א גוטער ווינט איז איבער דער ערד איבערגעפאָרן.
און די וואַסערן זענען געשטילט געוואָרן.

און סע זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן די קוואַלן פונעם אָפּ־גרונט און די פענצטער פונעם הימל. ס'איז געוואָרן און גע־וואָרן, ווען ס'הייבט אָן ווערן, ווערט שוין און ווערט —
דער רעגן האָט אויפגעהערט.

און צווישן טאָג און נאַכט, האָט נח אויפגעמאַכט דאָס פענצטער פון דער תבה, און ער האָט ארויסגעשיקט אַ ראָב און דערנאָך אַ טויב.

צו דערוויסן זיך ווי קלענער די וואַסערן זענען. צי איז די ערד שוין טרוקן. צי איז פאַראַן שוין שטויב.

און די טויב האָט קיין רו נישט געפונען. און זי איז צוריק־געקומען. און נח האָט זיך צו איר ווידער גענומען און זי ווידער געשיקט.

האָט די טויב זיך געטון א הויב און א פלי און אָן מי זיך אָנגעגעסן, אָנגעפיקט און זיך דערקוויקט.

און צו נחן האָט זי געברענגט אין מויל א בלעטל.
און זי האָט אים אַפּירגעלייענט א צעטל,

אַז מיטן מבול איז שוין אויס. מע מעג שוין פון דער תבה אַרויס, און זיך שטעלן בויען א געצעלט, אַ הויז.

און זי האָט א לאַך געטון מיט די אויגן און ווידער גע־

פליגן און מער נישט צוריקגעקומען, און אוים. און נח מיט
אַלע אנדערע זענען פון דער תבה אַרוים.
און ס'האָט זיך דערהערט א צוואָגן, א שווערן,
אַז קיין מבול זאָל שוין קיינמאָל נישט ווערן!

ט. און דאָס גוטס האָט באַ נחן און ביי זיינע קינדער געהאלטן
זיך איין אײן מערן און פאַרמערן.
און זיי האָבן גענומען פאַרשפרייטן א געצעלט נאָך א
געצעלט.
און פון נחס דריי זין — שם, חם און יפת — איז פאַרשפרייט
געוואָרן די גאנצע וועלט.
און נח האָט זיך אַקערן געשטעלט. און געפלאַנצט א
ווייננאָרטן לעבן זיין געצעלט. און ער האָט געזען דעם וויין
פון זיינע ווייַנטרויבן.
און ער איז געוואָרן דערהייכט און דערהויבן.
און ער איז ווערט מע זאָל אים לויבן טאָג און נאַכט.
און ער איז — קענן נאַכט, אַלדאָס גוטס געדאַכט.

י. און צו שם, חם און יפת זענען קינדער געבוירן געוואָרן
נאָכן מבול — בלייב נישט קיין פאַרוואונדערטער —
אין די הונדערטער.
און מיט נעמען — נישט זיך צו שעמען — מגוג, קוש צי
יקטן. און איינער האָט געהייסן פלג.
זאָג נישט פלג, אַנדערש זאָג:
ס'איז געווען א פלאָג, אַ קלאָג,
אין יענער צייט, אין יענעם טאָג —

ווי סע ווערט דערציילט —
האָט זיך די ערד צעטיילט.

יא. און ס'איז געווען, די גאַנצע ערד האָט געהאט איין שפּראַך. און פון דאָרט און פון דאַנען, פון וואו־נישט־וואו און פון וואַנען,

האָבן אַלע זיך פאַרשטאַנען.

ביז זיי האָבן אָנגעהויבן ווי די פערד זיך איינצושפּאַנען.

און זיי האָבן באַקומען קעפּ ווי די פערד. ס'איז פאַר זיי ווינציק געוואָרן די ערד.

און זיי האָבן געוואָלט בויען א שטאָט מיט א טורעם, וואָס אין הימל זאָל דערגרייכן זיין שפּיץ.

און זיי האָבן געכאַפּט ביטערע שמיץ.

זייער שפּראַך איז צעמישט געוואָרן. און די ערד איז צע־טיילט געוואָרן. און זיי זענען צעשפּרייט געוואָרן אויף דער גאַנצער ערד. זיי האָבן נישט געוואוסט וואו זייערע ברידער זענען פאַראַנען.

און זיי האָבן זיך שוין מער נישט פאַרשטאַנען!

און ווייטער אַזוי געבוירן און פאַרלוירן, ביז אַן ערך —

דער זון פון תרח —

אברהם, און שרה זיין ווייב — וואָס האָט נישט געהאט קיין קינדער, און געהאַפּט אויף וואונדער — האָבן זיך גע־לאָזט מיט א באַן, מיט זייער פוס־באַן, אַזוי גיין צופוס ביז צום לאַנד כנען. און זיי זענען אַזוי, מיט זייער באַן, געפאָרן און געפאָרן און פאַרפאָרן ביז חרן.



לך - לך

יב. ל ך - ל ך — גיי דיר, מאַרצך — פון דיין לאַנד, פון דיין
פאָטערס הויז, פון דיין געבוירן, — האָט אברהם פאַרנו־
מען ווי אַ באַפעל, א געבאָט, רייד פון גאָט: ל ך - ל ך — גיי
דיר, מאַרצך — פון דיין לאַנד.

און אברהם האָט גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט.
ל ך - ל ך — גיי דיר, איז געגאַנגען. און ער האָט גענומען
שרהן זיין ווייב, און לוטן — זיין ברודערס זון, און דאָס גאַנצע
פאַרמעגן, מיט אַלץ באַנאַנד. ער האָט גענומען דעם שטעקן
אין דער האַנט.

און די־אַלע מיט אים — די איינציקע און די פאָרן — זענען
פון חרן געגאַנגען, געפאָרן, געצויגן ווי א באַן. און זיי זענען
אָנגעקומען אין לאַנד כנען.

און דורכגעפאָרן אין דעם לאַנד — אַלע באַנאַנד — דורך
פאַרשידענע ערטער, דורך יענעם אָרט, דורך דעם — ביז צום
אָרט שכם.

און דאָרט האָט אברהמס אויער געטון הערן,
אַז זיינע קינדער וועלן—
זיך מערן —

אין דעם לאַנד זיך קערן
און דאָס לאַנד וועט זייערס ווערן.

און ס'איז געווען אַ הונגער אין דעם לאַנד, האָט אַברהם ווידער גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט און געגאַנגען זיך באַזעצן אין מצרים, פונעם הונגער זיך באַפרייען. ווייל דער הונגער האָט געטריקנט זיי די צינגער, אַז זיי האָבן געביסן פון זיך די פינגער.

און ס'איז געווען ווען אַברהם האָט זיך דערנענטערט צו קומען קיין מצרים, האָט ער צו שרהן, זיין ווייב, אַ מאַך געטון:

— האַלט!
איך ווייס, דו ביסט אַ פרוי פון שיינעם געשטאַלט!
איז, באַלד,
ווי מע וועט דיך פרעגן — סיי דער קלענסטער, סיי דער גרעסטער — זאָג, דו ביסט מיין שוועסטער.

און ווען זיי זענען געקומען קיין מצרים, האָט דער דאָרטיקער גרעסטער — פּרעה פאַרכעסטער — פאַרבעטן שרהן, אַברהמס ווייב, ס'הייסט זיין שוועסטער, און ער האָט פאַר איר זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער איז דער גרעסטער און דער בעסטער. און ער האָט זי אויסגעפרעגט ווי ס'איז איר געגאַן דער גאַנג אין כנען. און ער האָט איר דערציילט זיין פּלאַן, אַז די אַלע וואָס זענען געקומען מיט איר, האָט ער באַפוילן צו געבן עסן. און זי וועט ער מאַכן פאַר אַ פרינצעסן.

און שרה האָט דערפילט, אַז אָן אַ פאַרוואָס, וויל ער איר אָפּבייסן די נאָז, און זי האָט זיך געגעבן אַ בויג, און זי האָט דערזען, אַז ער קוקט אויף איר מיט אַן אויג זי איינצושלינגען.

און זי האָט דערהערט א מאַך, א לאַך און א זינגען. און מע האָט אים שוין גוט אויפגעזוננגען:

די אויגן זענען אים פון די לעבער אַרויסגעשפּרונגען.

און אין די לעבער, ווי די בעבער, האָט געקלונגען ווי מיט גלאָקן.

און פון די לעבער, ווי די בעבער, האָט זיך געצויגן א פייערדיקער פלאָקן.

און דער פלאָקן האָט זיך געבויגן און געצויגן און בראָטן און ברענען, האקן און בראָקן זיין לייב.

האָט ער אָנגעהויבן אויף א קול זיך רייסן, אַז ער וועט שוין מער נישט וועלן בייסן.

האָט עמיץ געטון א געניץ, און נאָכן געניץ האָט דער עמיץ אויפגעמאַכט די טיר און אריין אויף אַלע פיר און געטון פרעהן א רייב און א שמיר, איז פרעהס לייב געוואָרן ווי פריער. אָן א טשעפּ, אָן א ריר דאָס גאנצע לייב.

און פרעה האָט גערופן אברהמען און ער האָט צו אים געזאָגט וועגן אים און וועגן שרהן זיין ווייב:

אַז ער האָט זיי נישט אויפגענומען ווי סע פּאַסט זיי, און זיי זאָלן אויף אים נישט פארהאסט זיין, און ער דאַנקט זיי פאַרן צו גאַסט זיין.

יג. און אברהם איז אויפגעגאנגען פון מצרים. ער און זיין ווייב, און אלץ וואָס ער האָט געהאט, און לוט מיט אים — קיין דרום־זייט.

און דאָס לאנד האָט זיי נישט געקאָנט דערטראָגן, אַז זיי זאָלן וואוינען אינאיינעם, ווייל זיי זענען געווען רייכע לייט.

און ס'איז געווען א געקריגעריי צווישן די פּאַסטוכער פון אברהם און די פּאַסטוכער פון לוט. און אברהם האָט געזאָגט צו לוטן: — זאָל נישט זיין קיין געקריגעריי צווישן מיר און דיר, צווישן מיינע פּאַסטוכער און דיינע פּאַסטוכער, וואָרום מיר אלע זענען מענטשן, ברידער.

און ווידער, דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַר דיר: גייסטו אין דער הייך, גיי איך אין דער נידער.

גייסטו ווידער אין דער נידער, גיי איך אין דער הייך, איך בין נישט קיין מידער.

און נעם דיר און רודער און רו דיר די גלידער. און ווידער — מענטשן, ברידער.

און לוט האָט זיך אויסגעווײלט די גאַנצע געגנט פונעם ירדן. און ער האָט אויפגעשטעלט געצעלטן ביז קיין סדום. און שלעכט זענען געווען די מענטשן פון סדום! — נאָר סע האַלט נאָך נישט ביי דער ווערימדיקער פּלוים.

און אברהם האָט זיך באַזעצט צווישן די טענענביימער פון ממרא — לייטן פּלאַן — אין לאַנד כנען.

יד. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן, צוצעטראָגן א קריגן, א שלאָגן.

און צו אברהמס אויער איז דערגאַנגען, אז מע האָט לוטן געפאַנגען.

האָט ער זיך א לאָז געטון, זיך אָנגענומען פאַר לוטן. זיינע פאַנגער צו דערלאַנגען.

און ער האָט אויסגעריסן א בוים, א פלאָקן. און ער איז אַוועק קיין סדום און דעם קיניג פון סדום דערשראָקן.

און דער קיניג פֿון סדום האָט פֿאַר שרעק באַקומען פּאַקן. און ער האָט ביי אברהמען געבעטן, דערשראָקן, אַז ער איז גרייט אים צו געבן אפילו זיידענע זאַקן. אַלץ וועט ער אים געבן, אבי ער זאָל אים מיט זיינע מענטשן לאָזן לעבן.

נאָר אברהם האָט זיך צעשמייכלט און דעם קיניג געענט־פֿערט, אַז ער זאָל נישט זיין קיין ווילדער אדם. ער וועט ביי אים נישט נעמען, נישט קיין שיכבענדל, נישט קיין נאָדל־פּאָדים. נאָר ער זאָל זיך שוין מער נישט בלאָזן און ער זאָל לאָזן די קינדער שפּרינגען, ווי די האָזן, אין די גראָזן.

מ״ו. נאָך די דאָזיקע זאַכן, האָט זיך אברהם אָנגעהויבן באַ־טראַכטן, באַקלערן, וואָס סע קען פֿון אים ווערן, ווען ער וועט גיין פֿאַרלוירן, אַז זיין ווייב האָט צו אים קיין קינד נישט געבוירן. ער וועט אינגאַנצן גיין פֿאַרלוירן.

און זיין אויער האָט פֿאַרנומען, אַז אַ צייט וועט קומען און זיינע קינדער וועלן זיין פֿרעמדע אין אַ פֿרעמד לאַנד און סע וועט זיי זיין שלעכט, מע וועט זיי מאַכן פֿאַר קנעכט און מע וועט זיי פּייניקן פֿירהונדערט יאָר. און דערנאָך וועט צו זיינע קינדער געשען אַ וואונדער. און זיי וועלן אַלע באַנאַנד זיך צוריקקערן אין אייגענעם לאַנד.

מ״ז. און אברהם האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט — ס׳איז אים געווען צו שפּאָט און צו שאַנד, וואָס זיינע קינדער וועלן זיין פֿרעמדע אין אַ פֿרעמד לאַנד.

נאָר מילא, וואָס סע וועט שוין געשען, וועט געשען, אָבער ווי דערלעבט מען כאָטש איינעם פֿון זיי צו זען!

און אברהם האָט געהאָפט. און ס'איז אים נישט אַראָפּ פון זינען.

און שרה, דאָס ווייב פון אברהמען, האָט צו אים קיין קינד נישט געוואונען.

און אין מיטן דערינען איז געווען איינע, וואָס האָט גע־הייסן הגר. און זי האָט צו אברהמען געבוירן אַ זון — ישמעאל.

יז. און יאָרן זענען געגאַנגען און געקומען. און יאָרן זענען פאַרגאַנגען, צעשוואומען און צערונען.

און ווען אברהם איז אַלט געווען ניינאון־ניינציק יאָר, האָט ער נאָך אַלץ פאַר שרהן, זיין ווייב, קיין טרייסט נישט גע־פונען.

און ער האָט שוין מער נישט גענומען אויפן זינען, אַז שרה זאָל אַ קינד געווינען. און פּלוצים האָט ער פאַרנומען, וואָס מיט אים וועט זיך נאָך טון. און אַז שרה וועט האָבן אַ זון.

נאָר ער האָט געלאַכט און געטראַכט:

ער — הונדערט יאָר, און שרה — ניינציק — ביי די־אָ יאָרן, וועט שרה ווערן אַ קינפּעטאָרן?

און ער האָט געלאַכט און געטראַכט, אַז גיכער קען ווערן פון טאָג — נאַכט.

וירא

יח. ו י ר א — און ער האָט זיך באַוויזן, אליו צו אים, צו אברהמען, ביז צווישן די אייכנביימער פון ממרא, צו דער טיר פונעם געצעלט, ביזן געצעלט, ביזן ביזן — האָט זיך אים געדאכט, געוויזן.

און אברהם איז געזעסן אין אריינגאנג פון זיין געצעלט, ווען דער טאָג איז געווען שיין און וואַרעם, און ער האָט אַזוי געקוקט אויף דער וועלט:

ער האָט אזוי געקוקט און געטראכט, אַז שוין עטלעכע שעה פון נאַכט און ער האָט נאָך גאָרנישט צורעכט געמאכט.

און ער האָט זיך פאַרטראכט: וואָס קען ווערן דערפון, ווען מע האָט קיין גוטס נישט געטון?

שוין עטלעכע שעה, אז דער טאָג האָט אויסגעבראָכן, און קיין מענטש איז אַהער נישט פאַרקראָכן, סע זאָל זיין ווע־מען צו דערפרייען, מיט וועמען אַ גוט וואָרט צו רעדן, און סע וויל זיך אַזוי גוטס טון! אַך, גוטס טון א יעדן!

און ער האָט געקוקט און געטראכט: ווען סע גיט זיך אַזוי אַ מאַך, צו קענען טון א גוטע זאַך!

און ער איז אַזוי געזעסן אָנגעשפאַרט און אָנגעבויגן, מיט

פאַרמאַכטע אויגן, איז אַ פייגעלע צו אים צוגעפלויגן, און אים איינגערוימט אין אויער — אויף פייגל־שפּראַך — אַ גוטע זאַך, אַז פון ווייט, פון זייער ווייט, גייען צו אים דריי לייט.

און אברהם איז געוואָרן ווי באַנייט. און ער האָט אויפ־געהויבן זיינע אויגן און ער האָט דערזען, אַז דריי מענער שטייען פאַר אים, נישט ווייט, איז ער געלאָפן אויף די וועגן, זיי אַנטקעגן, שלום זאָגן, שלום פרעגן.

און ער האָט זיי פאַרבעטן — אויב זיי וואויל־געפעלט — זיי זאָלן זיין זיינע געסט. זיך אונטערלענען אונטערן בוים, איןביימער שאָטן. און ביז מע וועט עפּעס אָפּבראָטן, וועט מען צוגרייטן אַלץ. און דערווייל וועט ער זיי אויפנעמען מיט ברויט און זאַלץ.

און אברהם האָט געאיילט און געלאָפן און געמאַכט איינס און צוויי. און שוין איז ער געשטאַנען לעבן זיי. און זיי זענען געזעסן אונטערן בוים און געגעסן. וואָס מע האָט זיי געגעבן, איז אומגעקומען אונטער די הענט, גלייך ווי אַ פייער וואָלט עס פאַרברענט.

און איינער פון די דריי האָט געגעבן אַ צעשפּרייט די הענט, האָט אים קיינער נישט דערקענט.

ער איז געוואָרן קליין און פּיצעלע, מיט אַ קליין שיין קעפּעלע און אויף זיין קעפּעלע, אַ בלומענדיק מיצעלע. נאָר הענט האָט ער געהאַט לאַנגע, ווי שטאַנגען, ביז צום הימל צו דערלאַנגען. און די פינגער ווידער זענען געווען קליין און קלענער, שיין און שענער, ווי אַ בלימעלע אַ שיינס. און יעדע האַנט האָט געהאַט אַזעלכע פינגערלעך טויזנט און איינס.

און די פינגערלעך זענען געווען אַרומגענומען מיט קליינ־

טשיקע רינגעלעך, און אויף יעדן רינגעלע פון די רינגעלעך, האָבן פּיצינקע ייִנגעלעך געפּלאַנצט גערטנדלעך טויזנט און איינס.

גערטנדלעך געפּלאַנצט, אין די גערטנדלעך געטאַנצט האָבן ייִנגעלעך, בלימעלעך, יעדעס אַ שיינס, אַ קליינס און אַ ריינס. אין אַ יעדן גערטנדל אַזעלכע ייִנגעלעך, טויזנט און איינס, טויזנט און איינס.

און דער איינער פון די דריי האָט צוריק צונויפגענומען די הענט, האָט מען אים דערקענט. און פון די אַלע ייִנגעלעך מיט די גערטנדלעך, וואָס זיי האָבן געפּלאַנצט אויף די רינגעלעך אַרום די פינגערלעך — פון די אַלע איז געוואָרן אַ פּיצעלע מילעכל, וואָס מאָלט און באַשפּייזט אַ וועלט. און ער האָט עס געגעבן אברהמען, אַז ער זאָל עס אַריינטראָגן שׂרהן אין געצעלט. און איבער אַ יאָר וועט זי האָבן אַ זון, לאָזט ער דאָס מילעכל דעם קינד פאַר אַ שפּילעכל.

און דער איינער פון די דריי האָט ווידער געגעבן אַ צעשפּרייט די הענט, האָט מען אים ווידער נישט דערקענט. ער איז געוואָרן ווי איבערגעקערט, און אַ קול האָט זיך פון אים דערהערט:

אברהם, אברהם, דו גוטער,
דיין שׂרה וועט ווערן אַ מוטער!

און די מענער זענען אויפגעשטאַנען און זיי האָבן אַראָפּגעקוקט אויף סדום און עמורה, ווי אויף אַ פוילער סחורה, וואָס וועט שוין בעסער נישט ווערן — נאָר מיטן מיסט צו פאַרקערן.

און אברהם איז געגאַנגען זיי באַגלייטן. און דאָס הארץ

האָט אים פאַרקלעמט אויף די צוויי שטעט סדום און עמורה — כאָטש פוילע סחורה — אַז זיי זאָלן ווערן איבערגעקערט. די מענטשן פון דער שטאָט עמורה, ווער שמועסט נאָך פון דער שטאָט סדום האָבן טאַקע געשמט פאַר זייער שלעכטע, נאָך ווי אַזוי געשמט! נאָר זיין האַרץ האָט אים פאָרט געקלעמט, אַז מע זאָל אומברענגען די מענטשן פון צוויי שטעט. און דאָס האַרץ איז אים צעגאַנגען פאַר ווייטיק, פאַר געבעט:

צווישן אַזוי פיל שלעכטע,
זענען דאָך פאַראַן אויך גוטע, גערעכטע.
ווי־זשע הייסט דאָס חרוב מאכן צוויי שטעט!
אומברענגען מענטשן פון צוויי שטעט! —
איז זיין האַרץ צעגאנגען פאַר געבעט.

יט. און ס'איז געווען אין אָוונט. און לוט האָט זיך שוין געהאט צוריקגעקערט פונעם טויער פון סדום און געברענגט צו זיך אַהיים צוויי געסט, און ער האָט זיי געמאַכט א מאָלצייט — נאַט אייך, און עסט!

און די מענטשן פון סדום האָבן אַרומגערינגלט לוטס הויז, אַרויסצונעמען לוטס געסט אין דרויסן אַרויס. שפייען זיי אין פנים, אונטערשטעלן א פיסל, קוועטשן די נאָז, ציען ביי די אויערן, און זיי אַרומשלעפן צו שפאָט און צו חוזק ביי אלע טויערן.

זיי האָבן געוואָלט יענעם שפייען אין פנים און זענען געבליבן די נאַראָנים. און לויט מיט זיינע צוויי טעכטער זענען דורך אַ הינטער טיר מיט די געסט אַוועק און געבליבן לעבן,

און דאָס איז אַלץ. און פון לוטס ווייב איז געוואָרן א הויפן זאַלץ. און מיט סדום האָט שוין געהאַלטן ביי דער ווערעמ־דיקער פּלוים. א שרעק, א מוראָ, וואָס ס'איז געשען צו סדום און עמורה!

כ. און אברהם האָט אַוועקגעצויגן פון דאָרטן און ער האָט געוואוינט אין גרר. און ס'איז אים גוט געוואָרן ביז גאָר. און ס'איז פאַרפולט געוואָרן אַ יאָר.

כא. און שרה האָט צו אברהמען א זון געבוירן, און אברהם האָט אים אַ נאָמען געגעבן יצחק. און אַצינד איז פרייליך געוואָרן. און דאָס קינד איז גרויס געוואָרן. און אברהם האָט געמאַכט אַ מאַלצייט ווען מע האָט יצחקן אַנטוויינט. און מע האָט געזונגען, דערציילט און געלייענט, האָט זיך יצחק פלו־צים צעוויינט און צעוויינט מיט געפיל און געזאָגט, אַז ער מיינט נאָר א שפּיל, א שפּיל און א שפּילעכל. האָט מען גע־נומען דאָס פּיצעלע מילעכל, און מע האָט עס אים געגעבן פאַר א שפּילעכל.

כב. און ס'איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן — נייע ווייענישן — און גאָט האָט געפּרואווט אברהמען און האָט צו אים געזאָגט, אז ער זאָל נעמען יצחקן און דאָס מילעכל, זיי ביידע, און זאָל זיי אויפברענגען אויף דער עקדה.

און זיי ביידע, יצחק און דאָס מילעכל, זענען געווען איינס. טויזנט און איינס.

און אברהם האָט זיך געפּעדערט און גענומען יצחקן זיין זון, דעם ליבן, דעם וואוילן, און געגאַנגען און געקומען, וואו גאָט האָט באַפוילן.

און ער האָט גענומען דאָס מעסער — נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך גוט און בעסער: א מלאך האָט אויסגערופן, אז ער זאָל יצחקן זיין זון גאָרנישט נישט טון, ער זאָל אוועקלייגן דאָס מעסער. און יצחק וועט ווערן גרויס און גרעסער.

און אברהם האָט פאַרנומען, אז דאָס איז ער נאָר אַלץ אַזוי געפּרואווט געוואָרן. אַז די אַלע זעענישן און געשעענישן זענען נאָר געווען א פּרואוו, א שפּילעכל. און ער איז אַוועק פון יענעם אָרט מיט יצחקן און מיטן מילעכל.

און איידער אברהם האָט זיך אומגעקערט צו גיין קיין באר־שבע, האָט זיך אים ווידער באַוויזן — ס'האָט זיך אים געהאלטן אין איין אויסווייזן, אויסדאַכטן און באַווייזן! ער איז שטאַרקער געווען פון שטאָל און אייזן צו קענען באַווייזן, אז ער איז שטאַרקער פון שטאָל און אייזן.

און צווישן אַלע קרייזן, האָט מען אים געהאלטן פאַר א מענטש אָן גרייזן. און מע פלעגט אויף אים ווייזן און דערצייטערטע ווערן, — און רעדן וועגן אים: אז נישט געפּרואווט זאָל מען ווערן!

און אברהם האָט אלץ אויסגעהאַלטן, פונעם אָנהייב אָן — ביז מען — ביז מען — אַז מע איז, איז מען!



די דריי שלוחים ביי אברהמען

חיי שרה

כג. און ס׳איז געווען ח י י ש ר ה — דאָס לעבן פון שרהן.
— הונדערט און זיבנאונצוואַנציק יאָר האָט שרה געלעבט.

און ס׳האָט זיך גענומען וועבן א טונקל געוועב. און דאָס טונקעלע געוועבעניש האָט זיך אויסגעוועבט.

און שרה איז געווען א פרומע, זי איז געזעסן אין געצעלט.
און אַזוי האָט זי אָפּגעפּירט איר וועלט.

און אברהם איז געקומען צו באַקלאָגן און באַוויינען שרהן — די פרומע, די שיינע, מיט טויזנט חנען.

און ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין באקלאָגן און באַוויינען צו נעמען א גוט אָרט, א הייל, ערגעץ־וואו — זיין שרה זאָל האָבן אייביקע רו.

און איינס און צוויי, אלף און בית, גערעדט מיט די קינדער פון חת, וועגן דער הייל פונעם פעלד מכפלה, וועגן דער מערת המכפלה.

און מ׳האָט געמאכט אַ וואָרט, אַז מע זאָל האַלטן וואָרט, וועגן יענעם אָרט, וועגן דער מערת המכפלה, וועגן דער הייל פון מכפלה, — וועגן דער הייל, וועגן פעלד, וועגן די ביימער, וועגן אַלץ פון דאָרט, זאָל מען האַלטן וואָרט, אז דאָס געהער צו אברהמען.

און אין יענעם אָרט, אין דער מערת המכפלה, דאָרט און דאָרט, האָט אברהם געמאַכט א הייליק אָרט.

כד. און אברהם איז אַלט געוואָרן, און ער איז געקומען אין די טעג, ווען סע לאָזט זיך אויס דער גאַנג אין וועג, אין לעבנסוועג.

און ער האָט געזאָגט צו אליעזרן, דער עלצטער פון זיין הויז, איבער אַלץ וואָס ער האָט געהאַט — ער האָט אים געזאָגט, אז ער איז אין יאָרן זאַט, און אין לעבן מישט זיך אויף אַן אַנדער בלאַט.

און ער האָט אים געזאָגט און באַשוואוירן: — זאָלסט נעמען א ווייב צו מיין זון, צו יצחקן, — פון מיין לאַנד, פון וואו איך בין געבוירן!

און ער האָט אים געזאָגט און באַשוואוירן, ער זאָל זען, אַז ער זאָל נישט ווערן אָפּגענאַרט, ער זאָל נישט האָבן אָנגעוואוירן.

און אליעזר איז געווען א מענטשנקענער, אַ פּנים־לעזער. ער איז געווען א מענטש מיט צוויי נעזער. און ער איז געווען א גוטער גלעזער.

ער האָט געקענט אַריינשטעלן שויבן. און ער האָט זיך אויסגעטויגט צו כאַפּן טויבן, האָט אים אברהם געשיקט פאַר יצחקן א ווייב אויסקלויבן.

און ער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז אין מיטן דער נאַכט זאָל ער נישט אָנקלאַפּן, נישט וועקן, און איין נאָז זאָל ער באַהאַלטן אָדער פאַרמעקן, כדי די כלה זאָל זיך נישט דערשרעקן.

און דער מאַן אליעזר, דער מאַן מיט די צוויי נעזער, וואָס האָט פונדערווייטנס דערשמעקט, האָט געפאָלגט אברהמען

און ער האָט איין נאָז געמעקט און געמעקט. און ער האָט צו אים געזאָגט, און ער האָט אים געשוואוירן, אַז ער וועט אָפּ־היטן אַלץ. קיין איין וואָרט וועט נישט גיין פאַרלוירן.

און דער מאַן אליעזר, וואָס איז געווען אַ פּנים־לעזער, — ער האָט געלייענט אין פּנים, וואָס סע טראַכטן די נאַראָנים. זיי דראַפּען זיך פון אונטן און פון אויבן, און זיי גלויבן, אַז דאָרט אויבן, אין די לעכער פון די דעכער, אָדער העכער, פּאָכעט אַ פעכער, אַ פּאָך און אַ הויב, כאַפּט מען אַ טויב.

האָט ער אין די לעכער פון די דעכער און העכער, דאָרט אויבן, אַריינגעשטעלט שויבן, מע זאָל ביי אים נישט צונעמען די טויבן. און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין כאַפּן נאָך טויבן, און פאַר יצחקן אַ ווייב אויסקלויבן.

און ער האָט גענומען צען קעמלען, און עטלעכע מענער, און גוטע טייערע זאַכן, און שיינע שפּילעכער — ער איז געווען שוין איינמאָל אַ קלוגער בחור — און ער איז אויפגע־שטאַנען און ער איז געגאַנגען קיין ארם נהרים, צו דער שטאָט פון נחור.

און מיט איין קוק און מיט איין וואָרט, איז ער מיטן קוק געווען דאָרט. און ער האָט זיך, אויף גאַטס באַראָט, גע־שטעלט ביי דער ברונע אויסער דער שטאָט. און ס'איז צוגע־פאַלן די נאַכט. און ער האָט געטון אַ טראַכט:

אָט פליען טייבעלעך, אָט גייען טעכטערלעך, צום קוואַל פון וואַסער. איינס פון דאָס אַנדערע שענער, בלאַסער. און ווען סע געשעעט ביים קוואַל אזא מין פאַל: אַ כאַפּ צו טון אַלע טייבעלעך אין איין האַנט אַריין, טרייב און טרייב, און אין דער אַנדערער האַנט די שענסטע פון די טעכטערלעך,

פאַר יצחקן אַ ווייב. אַך, פון אַלע שפּילעכער וואָלט געמאַכט געוואָרן אזא קרענצל, און היידא, א מצוה־טענצל!

און ס'איז געווען איידער ער האָט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם, האָט אים א ציטער געטון א ברעם, און ער האָט דערזען ווי אַלע טייבעלעך זענען ביי אים אויף איין האנט. און רבקה, די שענסטע פון די טעכטערלעך, מיט א קרוג וואַסער און מיט א זיידענעם באַנד — ביי אים אויף דער אַנדערער האנט.

און אליעזר האָט זי געטון א פרעג, צי ער מעג טרינקען וואַסער פון איר קרוג.

און זי וועט אַנטרינקען אַלע — האָט זי געענטפערט גוט און קלוג.

האָט ער איר געגעבן א בלאָנדע פּופּע מיט ווייסע ציין. און ער האָט זי געפרעגט פון וואָס פאַר א היים זי קומט צו גיין.

און ער האָט איר נאָך צוגעגעבן א בלומענדיק היטעלע. און זי האָט צוגענומען ביידע. און זי האָט געענטפערט, אַז בתואל הייסט דער טאַטע און נחור הייסט דער זיידע.

און איר ברודער לבן האָט זיך געשפּילט אין „לויפן", ארום די הויפן, און ווען ער האָט זיך פון די שפּילעכער דערוואוסט, האָט זיך אים אויך עפּעס פאַרגלוסט.

האָט ער אליעזרן פאַרבעטן, זייער שוועל צו באַטרעטן.

און טייערע זאַכן האָט אליעזר געגעבן, צו אים און צו דער מוטער. ער האָט געגעבן, און זיי האָבן גענומען. און זיי האָבן שוין געוואוסט וועגן וואָס ער איז געקומען.

און זיי האָבן געפרעגט רבקהן, צי זי וויל אַהין גיין, און זי

האָט געענטפערט, אַז זי וויל גיין. און אַלץ איז צוגעגאַנגען גוט און שיין.

און זיי האָבן זיך געזעגנט, און זיך אויפגעזעצט רייטן אויף די קעמלען צו יצחקן. און אין מיטן רייטן האָט זי געפרעגט:

וואָס קען דאָס באַטייטן!
ווער איז דער אויף די וועגן,
וואָס גייט אונדז אַנטקעגן?

און עליעזר האָט איר געענטפערט, אַז יצחק איז דער אַנטקעגנגייער. און זי האָט זיך פאַרדעקט מיטן שלייער, און יצחק האָט זי אויפגענומען מיט אַ מתנה, אַ שיין שפּילעכל — מיטן קליינטשיקן טייערן מילעכל. און זי איז געוואָרן זיין ווייב, און זי איז צו אים געווען אַ גוטע. און ער האָט זי ליב געהאַט, און ער איז צו איר געווען אַ גוטער. און ער האָט זיך געטרייסט נאָך זיין מוטער.

כה. און אברהם האָט געגעבן אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט —צו יצחקן. און צו ישמעאלן, און צו די אַנדערע האָט ער גאָר מתנות געגעבן.

און ס'האָבן זיך אויסגעלאָזט די טעג פון זיין לעבן, נאָך הונדערט פינפאונזיבעציק יאָר. — זיין חלום איז געוואָרן וואָר.

אַלט און זאַט און אָנגעזען.
וואו אויסגעוועזן! און וואָס זיך אָנגעזען!
און וואָס געהאַט, — אַלץ געהאַט. אין אַלעמען זאַט.
און שטילער, שאַט!

און לעבן האָט זיך אויפגעמישט אַן אַנדער בלאַט, אַן אַנדער בלאַט.



יצחק גייט אקעגן רבקהן

תולדות

און דאָס איז — ת ו ל ד ו ת — די געשיכטע פֿון יצחק, אברהמס זון, וואָס האָט געקלערט מיטן מילעכל עפּעס צו טון. ווייל דאָס מילעכל איז נישט געווען גלאַט עפּעס א מילעכל, א שפּילעכל, נייערט אַזוינס און אַזאַס — איינס אין דער וועלט. אַ מילעכל, א שפּילעכל, וואָס באַלייכט און באַשיינט דאָס געצעלט. אין זומער און אין ווינטער, אין היץ און אין קעלט, מאָלט עס און מאָלט — צו באַשפּייזן אַ וועלט.

און איין זאַך האָט עס געטון אַ מאַך: — אַזאַ מילעכל־שפּילעכל! — אָט איז עס אַ מילעכל אַ קליינס, אַ טייערס און אַ שיינס, און איין מילעכל, נאָר איינס. און אָט נעמט עס לויפֿן און שפּרינגען אויף שטעגן און וועגן, אויף טויזנטער־טויזנטער איילן און סע ווערן מילעכלעך קליינינקע צעוואָרפֿן, צעפֿלויגן אויף טויזנטער־טויזנטער טיילן, מילעכלעך טויזנטער־טויזנטער — נישט איבערצוציילן!

און א קוק און א בליק, איז ווידער צוריק ווי געווען, נאָר דאָס איינע מילעכל צו זען.

און אָט איז עס דאָ, און אָט איז עס דאָרט,
אָן אַ באַשטימט אָרט.

און שטרעקט מען אויס די האַנט צו טון עס א נעם, בלייבט די האַנט שטעקן ווי אין א קלעם.—נישט לאָז נאָך און נישט נעם.

אַזאַ מילעכל־שפּילעכל — האָט יצחק, אברהמס זון, געקלערט מיטן מילעכל עפּעס צו טון.

און דאָס איז — ת ו ל ד ו ת — די געשיכטע פון יצחק, אברהמס זון:

אברהם האָט געבוירן יצחקן. און יצחק איז אַלט געווען פערציק יאָר, ווען ער האָט זיך גענומען רבקהן פאַר א ווייב.

און ער האָט צו איר געזאָגט:

— איך גיי און דו פאַרבלייב.\
איך וויל בעטן צו גאָט\
וועגן דיר, מיין ווייב.

און רבקה האָט אים געענטפערט:

— יאָ, נאָר דו זאָלסט נישט גיין בעטן אַליין.\
זאָלסט דאָ שטיין\
און איך וועל העלפן מיט געוויין.

האָט זיך יצחק געשטעלט אין איין ווינקעלע, און רבקה האָט זיך געשטעלט אין צווייטן ווינקעלע. יצחק האָט געבעטן, און רבקה האָט געטון א זיפץ און א קרעכץ — אויף עפּעס רעכטס. און די זעלבע זאַך האָבן ביידע געוואָלט, האָבן ביידע געמיינט. און יצחק האָט געבעטן, און רבקה האָט געוויינט.

און ס'איז געווען ווען רבקה האָט געהאַלטן נאָכן עסן, נאָך דער יויך, האָט זי פלוצים געטון א געשריי אין דער הויך, אַז סע טוט איר שטאַרק ווי דער בויך.

און זי האָט זיך זייער דערשראָקן, וואָרום זי האָט זיך דער־מאָנט — ווער קאָן אַזוינס פאַרגעסן, — אַז צווישן די ניס, וואָס זי האָט געגעסן, איז געווען אַ צווילינג. און ביים עסן די יויך האָט זי מיט אַמאָל צוויי שלונג געטון. און פּלוצים האָט זי דערפילט, ווי ביי איר אין בויך האָט מיט אַמאָל צוויי שפּרונג געטון.

און זי איז אַרויס אין דרויסן
פרעגן וואָס דאָס מיינט,
וואָס דאָס איז אויסן,
ווען צוויי זיך שטויסן.

און אין דרויסן איז איר געווען טריב און טונקל, און זי האָט זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט, און זי האָט דערקענט ווי אין די הענט ברענט א פייער. און ס'האָט איר אָנגעהויבן ווערן גרינגער, פרייער.

און זי האָט צענומען די הענט
און זי האָט דערזען און דערקענט,
ווי צוויי יינגעלעך
האַלטן זיך ביי די הענט.

אין דרויסן איז געוואָרן שיין און ליטער, און דער ערשטער איז אַרויסגעקומען א רויטער, און מע האָט גערופן זיין נאָמען — עשו. און דערנאָך איז אַרויסגעקומען זיין ברודער, און מע האָט גערופן זיין נאָמען — יעקב. און עשו, דער בכור, דער ערשטער געבוירענער, האָט זיך געפילט מיט זיין בכורה א פאַרלוירענער. און ער האָט געהאַט מורא פאַר דער בכורה, האָט ער פאַר מורא פאַרקויפט די בכורה — פאַר א געקעכץ

פון לינדזן — צו יעקבן. און יעקב איז געווען אַ יינגל, אַ שטילס, געזעסן אין געצעלט און געקאָכט אַ געקעכץ. און אָפּגעהיטן, אַז רבקה זאָל נישט טון קיין זיפֿץ און נישט קיין קרעכץ.

כו. און יצחקן איז שווער געווען צו וואוינען אין יענעם אָרט, אין יענעם לאַנד. און ער האָט געקלערט וואָס ער קען טון, וואָס ער איז אין שטאַנד. און ער האָט — ווי אברהם — גענו־מען דעם שטעקן אין דער האַנט.

און ער איז געגאַנגען צו אבימלכן קיין גרר. און גאָט האָט אים געזאָגט: האַלט זיך אויף אין דעם דאָזיקן לאַנד. און ער האָט זיך באַזעצט אין גרר. און ס'איז געווען אַ גאַנג, אַ געזאַנג אין כאָר ווארום דאָרט אין גרר, האָט מאָלן געמאָלן די מיל: ער האָט געזייט און געקריגן הונדערט מאָל אַזוי פֿיל.

האָט אבימלך געזען, אַז ס'איז נישט קיין שפּיל. יצחק ווערט שטאַרקער פֿון אים. האָט ער אים אַרויסגעשיקט, ער זאָל זיך גיין וואו ער וויל. און יצחק איז אַוועק אין דער שטיל. ער איז געגאַנגען פֿון באַרג אין טאָל, און פֿון טאָל ווידעראַמאָל גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט. געגאַנגען נאָכאַנאַנד. און ער איז געקומען קיין באר־שבע. און כאָטש אבימלך האָט אים אַרויסגעשיקט — און דאָס האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן —, האָט ער נישט געקוקט אויף דעם, און ער האָט מיט אבימלכן שלום געשלאָסן.

כז. און ס'איז געווען, אַז יצחק איז אַלט געוואָרן, און פֿאַר זיינע אויגן האָט זיך ווי אַ הייטל פֿאַרצויגן, אַז ער האָט נישט גע־קענט זען, האָט ער גערופֿן זיין עלטערן זון עשון, און ער האָט

צו אים געזאָגט: — וואָס געווען איז געווען, דו ביסט דאָך א יעגער, גיי פאַנג מיר אַ געפאַנג און מאַך מיר אַ מאכל אַזוי ווי איך האָב ליב, כדי — דערנאָך ווען דו וועסט שוין האָבן דער־פילט מיין פאַרלאַנג — זאָל מיין זעל דיך בענטשן פאַר מיין לעצטן גאַנג.

און עשו איז אַוועקגעגאַנגען אין פעלד צו פאַנגען א גע־פאַנג.

און רבקה האָט זייער ליב געהאַט יעקבן. זי האָט געוואָלט ער זאָל זיין דערהויבן צווישן אַלע מענטשן. און זי האָט אים צוגעפירט צו זיין פאָטער, ער זאָל אים בענטשן.

האָט יעקב גענענט צו זיין פאָטער און האָט אים א קוש געטון. און זיין פאָטער יצחק האָט אים געגעבן דאָס פּיצינקע מילעכל פאַר זיינע קינדערלעכס וועגן — ווען ער וועט האָבן — פאַר אַ שפּילעכל.

און ער האָט יעקבן געבענטשט מיט אַלדאָס גוטס. און ער האָט אויך געבענטשט אַ יעדן, וואָס וועט גוטס נאָר אויף אים רעדן.

און ווען עשו איז אָנגעקומען פונעם וועג, פון זיין געיעג און ער האָט דערהערט, אז זיין פאָטער יצחק האָט יעקבן גע־בענטשט, האָט ער געקוקט אויפן מאכל פון זיין געפאַנג, און ס'האָט אים געטון באַנג, און ס'איז אים געווען א שאָד די ברכה. און ער האָט געהאַט חרטה וואָס ער האָט פאַרקויפט די בכורה. און ער האָט אָנגעוואָרפן א שרעק און א מורא.

האָט רבקה געזאָגט צו יעקבן: — זע, דיין ברודער עשו איז אויף דיר אין כעס, אין גרימצאָרן, און שלעכטס קען פאַרלויפן. און הער צו מיין קול, און דו זאָלסט אנטלויפן צו מיין ברודער

לבנען קיין חרן. און וועסט זיין ביי אים, ביז דער גרימצאָרן וועט אַוועק, ביז דער כעס וועט איבערפאָרן.

און צו יצחקן האָט זי געזאָגט, אַז איר איז שווער דאָס לעבן, סע ווערט איר קאַלט און הייס, ווען זי דערמאַנט זיך אין עשׂוס ווייבער, די טעכטער פון חת.

כח. האָט יצחק גערופן יעקבן, און האָט אים געבענטשט, און האָט אים באַפוילן, און האָט צו אים געזאָגט, אַז באַלד ווי סע טאָגט, זאָל ער אַוועק צו דעם הויז פון בתואל, און פון דאָרטן נעמען אַ ווייב פון די טעכטער פון לבן, רבקהס ברודער, און — אוים גערודער.

און יעקב האָט צוגעהערט צו זיין פאָטער און צו זיין מוטער, און ער איז געווען אַ גוטער זון. און עשׂו האָט זיך דערנענט צו זיין פאָטער, ער זאָל אים בענטשן. ער איז געגאַנגען נאָכטון יעקבן זיין ברודער און — אוים גערודער.



יצחק בענטשט יעקבן

ויצא

ויצא יעקב — און יעקב איז ארויסגעגאנגען, קאַשע פאַר די פייגעלעך אַרויסצודערלאַנגען. און פאָלגן טאַטע־מאַמע און מיט עשׂון זיך פאַרשפּאָרן צו קריגן, אַלדאָס בייז פאַר־שפּאָרן, און ער איז געגאַנגען קיין חרן. און די פייגעלעך האָבן די קאַשע געגעסן, געפּיקט און זיך דערקוויקט, און זיי האָבן יעקבן געדאַנקט, און אים געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט.

האָט זיי יעקב געענטפערט, אַז פאַרלאַנגען האָט ער צו פאַרלאַנגען א סך, נאָר איצט בעט ער פון זיי איין איינציקע זאַך: אַזוי ווי ער לאָזט זיך גיין איינער אַליין, ער האָט צו זיך נישט קיין צווייטן, זאָלן זיי אים באַגלייטן.

און ס'האָט זיך דערהערט א געזאַנג, א גאַנג מיט געזאַנג. זיי — געפלויגן, און ער — געגאַנגען איז ער געגאַנגען, און געבליבן נעכטיקן, וואָרום די זון איז אונטערגעגאַנגען. און ער האָט גענומען פון די שטיינער פון דעם אָרט, און געמאַכט פון זיי א צוקאָפּנס, און האָט זיך געלייגט אין יענעם אָרט, אין יע־נער נאַכט. און די פייגעלעך האָבן אים געזונגען און פאַר־וויגט, און איבער אים געוואַכט.

און ס'האָט זיך אים געחלומט, אַז א לייטער שטייט אויף

דער ערד, שטייט זי, און איר שפּיץ גרייכט ביזן הימל, און אָט, מלאכים פון גאָט גייען אַרויף און נידערן אַראָפּ אויף דער לייטער. און אָט שטייט ער, און אָט זעט ער דאָס גאַנצע לאַנד, פון ראַנד צו ראַנד. און די קינדער זיינע, ווי שטויב פון דער ערד, נישט איבערצוציילן. און זיי שפּרייטן זיך אויס קיין מערב און קיין מזרח, קיין צפון און קיין דרום, און געהיטן, און געבענטשט מיט רו און פרידן. אָן א שוואַכן, אָן א מידן. און די קינדערלעך טאַנצן און שפּרינגען צופרידן, און ווערן גאָר־נישט מיד פון זינגען דאָס ליד — רו און פריד. און די גאַנצע וועלט, ווי אַ כאָר אויסגעשטעלט, און די פייגעלעך פון אויבן, ליבן און גלויבן, און ווערן נישט מיד צו זינגען דאָס ליד פון רו און פריד, רו און פריד.

און יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, פון זיין דרימל, און ער האָט געזאָגט:

פאַרוואָר, דאָס איז דער טויער פון הימל.

כט. און יעקב האָט גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און א

צי געטון די לייצעס צו דעם לאַנד פון די קינדער פון מזרח. און געשטעלט פיס, געשטעלט ווי א העלד, און ער האָט א קוק געטון, ערשט א ברונע איז אין פעלד. און דער שטיין אויפן מויל פון דער ברונע איז געווען גרויס — נאָר דאָס מאַכט ביי אים נישט אויס, ער קייקלט אים אַראָפּ מיט איין שטויס.

און זע, דריי סטאַדעס שאָף הויערן ביי דער ברונע, זיך אָנטרינקען געקומען. האָט יעקב געזאָגט צו די פאַסטוכער:

— פון וואַנען זענט איר, מיינע ברידער? האָבן זיי געזונגען לידער: — פון חרן זענען מיר.
— קענט איר לבנען? — פרעגט ער ווידער.

און זיי זינגען אין די לידער: —
פון חרן זענען מיר,
און דעם־אָ קענען מיר.
זיין טאָכטער קומט שוין באַלד —
אַ שיינע אין געשטאַלט —
זיין רחל קומט שוין באַלד.

און ווי ער רעדט נאָך מיט זיי, גיט ער זיך אַ דריי, און שטיי, — רחל איז אונטערגעקומען מיט איר פאָטערס שאָף, וואָרום זי איז אַ פאַסטוכערן געווען. און ווי יעקב האָט זי דערזען, אַזוי האָט ער גענענט, און דעם שטיין פון דעם מויל פון דער ברונע, וואָס איז געווען זייער גרויס, האָט ער אַראָפּ־געקייקלט מיט איין שטויס. און האָט אָנגעשעפּט אַ לאָגל נאָך אַ לאָגל, און אָנגעטרונקען די שאָף. און אַזוי שעפּנדיק אַ לאָגל נאָך אַ לאָגל, האָט ער דערפילט אַ טראָט אין נאָגל, און איבערן קאָפּ ווי אַ האָגל, אַז אָט־אָט בלייבט ער אָן אַ נאָגל, אָן אַ לאָגל. האָט ער נישט געוואוסט וואָס דאָס מיינט, און ער האָט זיך צעוויינט: — לאָגל־האָגל־נאָגל, גיל־גיל־גיל! איז רחל צו אים צו אין דער שטיל און האָט אים אָפּגעווישט די טרערן, האָט אים אָנגעהויבן גרינגער ווערן. און ער האָט זיך פאַרשעמט, וואָס ער האָט זיך אַזוי דער־שראָקן, וואָס ער איז געוואָרן אַזוי צעחושט. און ער האָט איר

געדאַנקט, און ער האָט זי געקושט, און האָט איר דערציילט, אַז ער איז איר פאָטערס אַן אייגענער. און ער איז ביסלעכווייז צו זיך געקומען און באַנומען, אַז דאָס אַלץ איז נאָר א שפּי־לעכל, ווי דאָס פּיצינקע מילעכל. אַז דאָס אַלץ איז נאָר גע־ווען א צייכן, אַז אים וועט קיין שום שלעכטס נישט שאַטן. און רחל איז געלאָפן דערציילן דעם טאַטן.

און לבן האָט געהאט צוויי טעכטער: די עלטערע האָט געהייסן לאה, און די ייִנגערע האָט געהייסן — ווי מיר ווייסן.

און רחלען האָט יעקב ליב געקריגן ביז גאָר, און ער האָט פאַר איר געדינט זיבן יאָר. און נאָך די זיבן יאָר, האָט אים לבן געהערט ווי די לינקע פּאה, און האָט אים געגעבן זיין טאָכ־טער לאה.

און אויף מאָרגן, ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז לאה, האָט יעקב געזאָגט צו לבנען: — איך האָב דאָך אויך אַ שטיקל דעה! האָב איך דען נישט געדינט ביי דיר פאַר רחלען? און פאַרוואָס האָסטו מיך גענאַרט?

האָט לבן געזאָגט: — וואַרט, סע ווערט נישט געטון אַזוי, אויסצוגעבן די ייִנגערע פאַר דער עלטערער. נאָר פאַרבלייב, און רחל וועט ווערן דיין ווייב.

און אַזוי, יעקב האָט געדינט ביי לבנען נאָך זיבן יאָר. אַזוי און אַזוי, און לבן האָט אים געגעבן רחלען פאַר א פרוי. און יעקב מיט רחלען האָבן גענומען קלייבן שפּענדלעך פאַר אַ שטיבל, א געצעלטל, און בויען זיך א ניי וועלטל.

5. און ס׳איז געווען, אַז רחל האָט געבוירן יוספן, האָט יעקב געזאָגט צו לבנען: — צו אַלץ מוז דאָך נעמען אַן עק, איז,

לאָז מיך אַוועק, און איך וועל גיין צו מיין אָרט און צו מיין לאַנד, מיט מיינע ווייבער און קינדער באַנאַנד. איך האָב דיר שוין גענוג געדינט. איך בין שוין מיד, און איך וויל שוין זינ־גען דאָס ליד פון רו און פריד!

לא. און יעקב איז אויפגעשטאַנען און ער האָט גענומען זיי־נע קינדער און זיינע ווייבער. און, אחוץ זיין האָב און גוטס, האָט ער אויך מיטגענומען אַ שמאַטעס־קלייבער און אַן אָקסן־טרייבער צו גיין אין לאַנד כנען. צו יצחק, זיין פאָטער און צו רבקהן, זיין מוטער. און ער איז אַוועק פון לבנען — מיט ברויט מיט פוטער.

לב. און יעקב איז געגאַנגען אויף זיין וועג, און ס'האָט שטאַרק גערעגנט, און מלאכים פון גאָט האָבן אים באַגעגנט, און ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער רעגן, און סע זענען גלייך געוואָרן די וועגן. און אַנטקעגן זענען פייגעלעך געפלויגן אַנטקעגן, און געזונגען און געדאנקט פאַר דער קאַשע, וואָס יעקב האָט זיי דערלאַנגט, און זיי האָבן אים ווידער געפרעגט, וואָס ער פאַר־לאַנגט.

האָט זיי יעקב געענטפערט, אַז פאַרלאַנגען האָט ער צו פאַרלאַנגען אַ סך, נאָר איצט בעט ער פון זיי איין־איינציקע זאַך, אַז זיי זאָלן מיט אים מאַכן אַ מאַך, אַז זיי זאָלן זיך בויען זייערע נעסטעלעך אויף זיין דאַך.

יעקב באגעגנט רחלען

וישלח

ו י ש ל ח — און ער האָט געשיקט. יעקב האָט געשיקט שלוחים צו זיין ברודער עשו. און איידער ער האָט געשיקט, האָט ער געקלערט און געקלערט וועגן — וועגן דעם וואָס מע זאָגט באַשערט.

אַז אַהינצו האָט ער מיט אַ שטעקן אויסגעמאָסטן די וועגן, און אַצינדער גייט ער צוריק מיט ווייב און קינדער, און שאָף און רינדער, אַ פאַרמעגן, פול די וועגן מיט זיין פאַרמעגן.

און איין זאַך האָט זיך יעקב געהאַלטן אין איין פרעגן: איך ווייס, מיין ברודער עשו איז בייז, וואָס דער טאַטע יצחק האָט מיך געבענטשט. און ער האָט חרטה, וואָס ער האָט מיר פאַרקויפט די בכורה. האָב איך מורא, סע זאָל זיך נישט אָפּשפּילן אַ טרויעריק שפּילעכל, ער זאָל זיך נישט אָפּרעכענען פאַרן קליינטשיקן מילעכל, ער זאָל נישט קומען אַצינדער און מיך שלאָגן מוטער מיט קינדער.

און יעקב האָט צו אים געשיקט שלוחים, און ער האָט זיי באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: אַז דאָס שפּילעכל מיטן מילעכל, דאָס אַלץ איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן —כדי צו געפינען ליטזעליקייט אין זיינע אויגן.

און ער האָט גענומען פון וואָס ס'איז אים געקומען צו דער האַנט: אַ שטיינדל — צום שלייפן, און אַ פייפל — צום פייפן, אַ רייף — צום לויפן און שפּילן, און אַ פייל און בויגן — צום שיסן, צום צילן און שיסן, און טאַבעק — צום שמעקן און ניסן.

און ער האָט גענומען דאָס אַלץ פאַר זיין ברודער עשו אַ מתנה, און ער האָט עס צו אים אַוועקגעשיקט מיט דער לבנה. און ער האָט אַליין אויך געטון אַ שמעק טאַבעק. און אין יע־נער נאַכט איז ער איבערגעפאָרן דעם איבערפאָר פון יבוק. און ער האָט אַריבערגעפירט איבערן טייך וואָס ער האָט געהאַט. און ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַט: סע שושקעט זיך דאָס פעלד, סע סורעט זיך בלאַט מיט בלאַט.

און אַז יעקב איז געבליבן אַליין, האָט אים אָנגענומען אַ געוויין און אַ שרעק, אַז ער איז שיעור נישט אויסגעגאַנגען: אַ מאַן האָט זיך געראַנגלט מיט אים ביז דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען.

און דער מאַן האָט זיך געראַנגלט מיט אים נישט מיט קיין ביקס און נישט מיט קיין שווערד, נאָר זיין קאָפּ האָט אָנ־געשפּאַרט אין הימל, און די פיס האָבן אָנגעשפּאַרט אויף דער ערד. און מיט די הענט האָט ער אַרומגענומען אַלץ, וואָס די וועלט האָט אין זיך אַריינגענומען, און ער האָט יעקבן נישט בייגעקומען. און ער האָט געטון אַ שמייכל, ווי איינער רעדט: האָסט שכל, נישטאָ צו דיר קיין מיטל. און ער האָט אים אָנ־גערירט ביים שטערן, און ס'איז אויסגעלינקט געוואָרן זיין היטל.

און דער מאַן האָט געזאָגט צו יעקבן: אַ שטרייט האָסטו

געשטריטן און ביסט בייגעקומען, און איך וועל דיך בענטשן, זוארום האָסט געשטריטן מיט גאָט און מיט מענטשן.

און די זון איז יעקבן אויפגעגאנגען און ער האָט אויפן ניכטערנעם מאָגן איינגעשפאנט דעם וואָגן און ווייטער זיך געטראָגן.

לג. און יעקב האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, און האָט אַ קוק געטון — ווי ער האָט זיך שוין ווייט אַ רוק געטון — און אָט, עשו קומט אָן מיט פיר הונדערט מאַן. האָט יעקב געטון זיבן שפאַן, ביז ער האָט צו זיין ברודער גענענט.

און עשו האָט אויסגעשטרעקט די הענט, און איז אים גע־לאָפן אַנטקעגן, אָן עפעס צו פרעגן, און ער האָט אים ארומ־גענומען, און איז אים געפאַלן אויפן האַלדז, און האָט אים געקושט, און זיי האָבן געוויינט. און שלום געוואָלט, און שלום געמיינט.

און עשו האָט נישט געוואָלט אָננעמען יעקבס געשאַנק. ער האָט אים געזאָגט: אַ דאַנק, ער האָט גענוג, ער דאַרף נישט קיין געשאַנק. אַזוי ברייט און לאַנג, ביז יעקב האָט ביי אים געפועלט און ער האָט אָנגענומען זיין געשאַנק און גע־זאָגט: אַ דאַנק.

און ווי עשו האָט געטון אַ שאַרף דעם שטיין, איז יעקבס האַלדז געוואָרן ווי אַ ביין. האָט דאָס פייפל אַליין געטון אַ פייף, און די רייף האָט אַליין גענומען זיך קוילערן און קווי־לערן. האָט זיך דער פייל און בויגן אָנגעשטעלט צום שיסן, און מע האָט דערזען אַ רעגנבויגן, און ס׳האָט אָנגעהויבן, ווי מיט

שטיינער צו גיסן. האָט מען גענומען שמעקן טאַבעק און זיך צעניסן.

און יעקב האָט געטון א מאך, אַז די גאנצע זאַך איז נישט ווערט קיין שמעק טאַבעק. און ער האָט אויפגעדעקט רחלס שלייער, איז געוואָרן שיין און לויטער זייער און זייער. און עשו האָט זיך אומגעקערט אויף זיין וועג קיין שעיר, עסן לעַ־מעשקע מיט אייער.

נאָך אָט־אָ דעם, האָט זיך יעקב דערפילט ווי באַפרייט פון א קלעם, און ער איז געקומען בשלום אין דער שטאָט שכם.

לד. און דינה, די טאָכטער פון לאהן, איז אַרויסגעגאנגען זען די טעכטער פון לאנד, ווי זיי שטייען, ווי זיי גייען. און זי האָט געטראָפן זיי שפּילן אין א „ראָד", זיך דרייען און דרייען.

און זי האָט נישט געוואוסט פון וואַנען און פון ווען ס'האָט זי דערזען שכם שכעמויר — א ווילדער יונג, א טכויר — דער זון פון חמור.

און ער האָט זי גענומען — אָן טענות, אָן רייד, — און מיט איר געדרייט ארום דעם „ראָד", וואָס שטייט און גייט, ביז ס'האָט זיך איר דאָס קעפּל פאַרדרייט, און זי איז געפאַלן פאַרשעמט, פאַרשעמט.

און די זין פון יעקבן האָבן דאָס דערהערט, האָט זיי ביים האַרץ פאַרקלעמט, און ס'האָט זיי שטאַרק געברענט. און שמעון און לוי, די ברידער פון דינהן, האָבן געטון א פּאַטש מיט די הענט, האָבן געציטערט די ווענט, און די מענטשן פון דער שטאָט שכם זענען פאַר שרעק אריינגעפאַלן אין א שלאָף און זיי האָבן שוין באַקומען זייער שטראָף!

שכם שבעמויר, וואָס האָט דינהן פאַרשעמט, און זיין פאָטער חמור, און אַלע מאַנספאַרשוינען פון דער שטאָט זענען געלעגן צעלייגט אויף דער ערד. און שמעון און לוי האָבן די שטאָט שכם איבערגעקערט.

לה. און גאָט האָט געזאָגט צו יעקבן: זאָל מער נישט גערופן ווערן דיין נאָמען יעקב, נייערט ישראל.
און ער האָט גערופן זיין נאָמען ישראל.

און פלוצים, מיט אַמאָל, אויפן וועג קיין אפרת, אויפן וועג, האָבן זיך אויסגעלאָזט רחלס טעג. און יעקב האָט גע־שטעלט א מצבה אויף איר קבר — די מוטער רחל וואָס האָט געלויכטן און געשיינט — דאָס איז די מצבה פון רחלס קבר ביז אויף היינט.

פון פיר, — רחל און לאה, בלהה און זלפה — איז דריי געבליבן. זיי, און יעקב מיט די צוועלף זין און אַלע, זענען גע־גאַנגען, געצויגן און געטריבן, געקומען און געבליבן ווען יצחק איז אַלט געוואָרן הונדערט און אכציק יאָר. און עשו און יעקב האָבן געטון — יעדער ווי אַ זון — און זיי האָבן זיין רעכט געטון.

לו. און עשו — דאָס איז אדום — ער האָט געהאַט פירשטן און פירשטן, מלאכים און פירשטן. זיי האָבן אַראָפּגעריסן פון הימל די לבנה, און זיך איינגעטיילט מיט יעקבס מתנה: איינעם — דאָס שטיינדל צום שלייפן, און א צווייטן — דאָס פייפל צום פייפן, א דריטן — די רייף צום לויפן און שפילן, און א פערטן — דעם פייל און בויגן צום שיסן, צום צילן און צילן.

וישב

לז. און יעקב איז געזעסן אין דעם לאַנד פון זיין פאָטערס וואוינשאפט, אין לאַנד כנען, שטיל און פיין, בכבוד און געשווינט, ו י ש ב — און ער איז געזעסן, געוואוינט.

און דער שענקער איז געזעסן — שוין אַנדערש געזעסן! — נאָר מע האָט אים צוריק באַלוינט.

און דער בעקער איז געזעסן, האָט ער געקנאָטן א טייגל און געלעגן אין דרערד און געבאַקן בייגל.

און יוסף איז געזעסן און געשטוינט. יוסף איז געזעסן, נאָר ס׳האָט זיך אים געלוינט.

דאָס איז די געשיכטע פון יעקבן:

יוסף איז ביי זיבעצן יאָר געווען א פאַסטוך מיט א לאַנ־גער בייטש און געבייטשט — און א טייטש איז געטייטשט — ער איז געווען א יינגל מיט א שפּיציק צינגל, ער האָט גערעדט בייזע רייד אויף זיינע ברידער פאַרן פאָטער, אז זיי דראַפּען זיך ווי אַ קאַץ מיט א קאָטער. און ס׳האָט זיך אָנגעצויגן א בלאָטער.

דערצו האָט ישראל ליב געהאַט יוספן מער פון אלע זין, ווייל ער איז אים געבוירן געוואָרן אויף דער עלטער, און ער

האָט אים געמאַכט א געשטרייפט העמדל. און יוסף האָט אויסגעזען ווי א פאַרשטעלטער, און ער האָט געטאַנצט און געזונגען לידלעך. און זיינע ברידער האָבן אים פיינט גע־קריגן און נישט געקענט רעדן צו אים פרידלעך.

און יוספן האָט זיך געחלומט א חלום און ער האָט אים דערציילט זיינע ברידער: — מיר בינדן אַזוי גאַרבן אין פעלד, ערשט מיין גאַרב האָט זיך אויפגעשטעלט, און אָט, אייערע גאַרבן האָבן זיך אַרומגעשטעלט, און צו מיין גאַרב זיך גע־בוקט.

האָבן זיינע ברידער צו אים געזאָגט: קיניגן ווילסטו קי־ניגן איבער אונדז?

און זיי האָבן אויף אים ברוגז געקוקט.

און יוספן האָט זיך ווידער געחלומט, און ער האָט זיינע ברידער ווידער דערציילט: — ערשט די זון און די לבנה און די עלף שטערן בוקן זיך צו מיר.

האָט זיין פאָטער אויף אים אָנגעשריגן: — וואָס איז עס מיט דיר? זאָל איך און דיין מוטער און דיינע ברידער גאָר קומען זיך בוקן צו דיר?

און דער חלום האָט נישט געפירט צו קיין שלום: ס'איז געווען, ווען יוסף איז געקומען אין פעלד צו זיינע ברידער, האָבן זיי זיך גענומען אָפרעכענען מיט אים פאַר זיינע לידער. פאַר זיינע חלומות. זיי האָבן געטון מיט אים, וואָס ס'איז נישט שיין, וואָס ס'איז נישט רעכט. זיי האָבן אים אויסגעטון דאָס געשטרייפטע העמדל און אים פאַרקויפט פאַר א קנעכט. און דאָס העמדל האָבן זיי אָװעקגעשיקט צו זייער פאָטער, און געלאָזט זאָגן, אז זיי האָבן עס געפונען. האָט יעקב גענומען

קלאָגן: א בייזע חיה האָט יוספֿן אויפֿגעגעסן! — און ער האָט געהאַלטן אין איין טרויערן און קלאָגן, און נישט געקענט אײַן אים פֿאַרגעסן.

לח. און ס'איז געווען אין יענער צייט, האָט יהודה געטראַכט,
אַז ס'איז נישט רעכט צו טראַכטן, אַז יענער איז שלעכט.
און ס'איז נישט רעכט צו טראַכטן, צו חלומען אין די נעכט,
אַליין צו זיין א קעניג און יענער — א קנעכט. און דאָס וואָס
יוסף האָט עם דערציילט, האָט ער געטון שלעכט. און וואָס
די ברידער האָבן אים פֿאַרקויפֿט, האָבן זיי געטון שלעכט —
ער זאָל דאַרפֿן זיין אין דער פֿרעמד אין די פֿינצטערע נעכט.

לט. און יוסף איז אַראָפּגענידערט געוואָרן קיין מצרים. — מ'האָט אים געפֿירט נאָך טיפֿער. און ס'האָט אים אָפּגע־קויפֿט פֿרעהס א הויף־דינער — פּוטיפֿר, וואָס האָט זיך גע־האַלטן פֿאַר א גאַנצן פֿיפֿער, און נישט געקענט קיין ציפֿער.
און יוספֿן האָט באַנג געטון וואָס ער איז געוואָרן צעשיידט. און ער האָט חרטה געהאַט אויף זיינע בייזע באַרימערישע רייד. און גאָט איז געווען מיט יוספֿן, און ער איז געווען אַ באַ־גליקטער, א פֿעאיקער, א געשיקטער. און ער איז ביי פּוטי־פֿרן געוואָרן דער גאַנצער מאַכער, אַלץ צו יוספֿן: דערצייל אים און פֿרעג אים, גיב אים און מאַן אים. און יוסף איז געווען שיין אויפֿן געשטאַלט און שיין אויפֿן פּנים.
און ס'איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן, האָט פּו־טיפֿרס ווייב פֿאַרדרייט פֿאַרדרייעניש, און זי האָט וועגן יוספֿן גערעדט צו איר מאַן, אַזוי צו זאָגן: — דעם קנעכט דעם

עברי האָסטו איבערגעגעבן אלצדינג, און אז איך האָב באַפוילן דעם יונג, ער זאָל טון א טאַנץ און א שפרונג, האָט ער מיר ארויסגעשטעלט די צונג. איך האָב גערעדט און גערעדט, און ער האָט געמאַכט פון מיר געשפּעט, און נאָך די רייד, האָט ער מיר געוואָרפן זיין קלייד.

און פּוטיפר האָט נישט געוואוסט, אַז פאלש זענען אירע רייד, האָט ער יוספן אריינגעזעצט אין געפענגעניש. נאָר אויך דער האר פון געפענגעניש האָט יוספן געמאַכט פאַר אַן עלצטן, וואָס עפּעס האָט ער צו אים געשיקט. און וואָס יוסף האָט געטון, האָט גאָט אים באַגליקט.

מ. און פּרעה האָט געצערנט אויף זיינע צוויי הויף־דינער, אויפן שענקער און אויפן בעקער, וואָס איינער איז געווען אַ נאַשער און דער צווייטער א לעקער. איינער איז געווען אויסגעפרעסן, און דער אַנדערער איינגעדאַרט. און ער האָט זיי איינגעזעצט אין געפענגעניש, דאָרט וואו יוסף איז געווען איינגעשפאַרט.

און אין איין נאַכט האָט זיך זיי געחלומט א חלום, זיי ביידן, דעם שענקער און דעם בעקער — איינעם, אַז ער איז געוואָרן אַ זעגער, און דעם אַנדערן, אַז ער איז געוואָרן א העקער. און יוסף האָט געזען ווי זיי זענען צעטראָגן, האָט ער זיי געזאָגט, זיי זאָלן אים זאָגן, וואָס זיי זענען צעטראָגן.

האָט דער שענקער דערציילט, אז אים האָט זיך געחלומט, אַז ער האָט געהאט א פעלער: נאָשן מעג ער, האָט מען אים אַראָפּגעוואָרפן אין א קעלער און געמאַכט פאַר א זעגער, האָט ער געזעגט און געזעגט און גאָרנישט נישט אָנגעזעגט. האָט

מען אים געוואָלט מאכן פאר אַ בלעכער און שיקן אויף די דעכער, האָט פרעה געזאָגט, אַז נישט קיין זעגער און נישט קיין בלעכער, נאָר ער זאָל דערלאנגען דעם בעכער.

און דער בעקער האָט דערציילט זיין חלום: אז פאַרן באקן האָט ער גענומען דעם אויוון צעהאקן. האָט מען צו אים גע־שריגן, אַז ער איז א העקער, נישט קיין בעקער.

און יוסף האָט זיי פותר געווען — דעם שענקער, אז מע וועט אים שענקען, און דעם בעקער, אז מע וועט נאָך אים נישט בענקען.

און אַזוי איז טאַקע געוואָרן: דער בעקער איז געזעסן, גע־קנאָטן א טייגל און געלעגן אין דרערד און געבאַקן בייגל. און דער שענקער איז געזעסן און מע האָט אים צוריק באַ־לוינט, ווי ער איז געווען געוואוינט. און יוסף איז געזעסן און געזעסן — נאָר ס'האָט זיך אים געלוינט.



די ברידער פארקויפן יוסף

מקץ

מא. און ס'איז געווען — מ ק ץ — צום סוף פון צוויי יאָר צייט, איז געקומען די צייט, אז די צייט זאָל זיך טון א בייט: אז יוסף זאָל שוין ווערן באַפרייט.

און דעמאָלט, — מ ק ץ — צום סוף פון צוויי יאָר, האָט זיך פרעהן געחלומט, א חלום צו א איז נישט גלייך, ערשט ער שטייט ביים טייך, און אָט גייען פון טייך, שיין און גלייך, זיבן שיינע פעטע קי. און אָט גייען נאָך זיי, אהינצוצו, זיבן אַנדערע קי, מיאוסע און מאָגערע, און זיי האָבן זיך געשטעלט לעבן יענע קי, און זיך צעמוקעט: — מו-ו־ו־מי־י־י און די מיאוסע און מאָגערע קי האָבן — מיט זיבן בים, מיט זיבן צי — אויפגעגעסן די זיבן שיינע און פעטע קי.

און א צווייט מאָל האָט זיך אים געחלומט, אז אויף איין שטענגל זענען אויפגעגאנגען זיבן געזונטע און גוטע זאנגען. און אָט שפּראָצן אַרויס נאָך זיי זיבן זאַנגען דינע און פאַר־ברענטע, און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון יענע זאנגען צו דער־לאַנגען, און די דינע זאַנגען האָבן מיט זיבן שטאַנגען גענו־מען דערלאנגען און איינגעשלונגען די זיבן געזונטע און פולע זאַנגען.

און ס'איז געווען אינדערפרי — נאָכן חלום פון די זאַנגען, פון די קי — איז פּרעהס געמיט געווען צערודערט, און ער האָט באַפוילן מע זאָל אים געבן צו טון א צי, א שלונג, ווייל סע טרוקנט אים די צונג. האָט דער שענקער אים דערלאַנגט דעם אמתן טרונק, און — וואָס אַ ניכטערן אויף דער לונג, איז אַ שיכורן אויף דער צונג — דער שענקער ווידער האָט אויס־געהערט אַלצדינג, און ער האָט זיך דערמאָנט אין עברישן יונג, און ער האָט גערעדט צו פּרעהן אַזוי צו זאָגן: — אז דו וועסט האַלטן דאָס אין מאָגן, וועסטו עס נישט אַריבער־טראָגן. דו מוזט עס פאַר עמיצן אַרויסזאָגן, וואָס וועט דיר דאָס פּותר זיין, נאָר געדענק, אז דו זאָלסט זיך נישט סותר זיין. איך ווייס פון אַן עברישן יונג, וואָס דערקענט אַלצדינג, ער וועט דיר פּותר זיין, נאָר דו זאָלסט נישט אַראָפּנעמען און נישט צולייגן, נייערט דערציילן ווי ס'איז געווען, וועט ער דיר פּותר זיין, ווי ס'וועט געשען.

האָט מען יוספן אויף גיך אַרויסגענומען פון תפיסה און איבערגעביטן זיינע קליידער, און ס'האָט אים שוין אָנגעהויבן גיין כסדר.

און יוסף האָט פּרעהן פּותר געווען, אז דער חלום באַ־טייט, אז קומען וועט א צייט פון זיבן זאַטע יאָרן און דער־נאָך זיבן הונגער־יאָרן, וואָס וועלן מאַכן פאַרגעסן אין יענער זעט. און ווידער האָט ער צו אים גערעדט: פּותר, שמויסער, ביזט אַ נאַר א גרויסער און דער עיקר, אַן אַלטער שיכור, זאָלסטו איבערגעבן צו א מאַן, וואָס איז אַ פאַרשטאַנדיקער, א קלוגער און א יונגער, ער זאָל פאַרהיטן דאָס לאַנד פון הונגער.

און פרעה האָט אויסגערופן:
— איך בין פרעה,
אָבער פאַר יוספן מאַכט אַ וואָרע!
אָן אים זאָל קיין זאַך נישט ווערן געטון.

און ער האָט אים געגעבן אַ ווייב — אסנת — וואָס האָט אים געבוירן אַ זון נאָך אַ זון. און יוסף האָט גערופן דעם בכור — מנשה, און דעם צווייטן — אפרים. און ס'איז געוואָרן אַ הונ־גער אויף דער גאַנצער ערד, און מ'איז געקומען קויפן תבואה צו יוספן, קיין מצרים.

מב. און יעקב האָט געזאָגט צו זיינע זין: — וואָס קוקט איר
אייך אָן, ווי אַ האָן מיט אַ האָן? נעמט ווער אַ שטעקן און
ווער אַ שפּאַן, און נידערט אַראָפּ קיין מצרים, קויפן תבואה
פון דאָרטן, נאָר בנימין זאָל בלייבן צו באַפּוצן דעם גאָרטן.

האָבן זיך יוספס צען ברידער אַ לאָז געטון דורך באַזונ־דערע טויערן. און איינס און צוויי, סע זאָל נישט געדוויערן, זענען זיי שוין געווען אונטער יוספס טויערן, ווייל יוסף איז געווען דער עלצטער איבערן גאַנצן לאַנד.

און יוסף האָט זיינע ברידער דערקענט און ער האָט זיי נישט געגעבן די האַנט. און ער האָט זיי געהייסן שטעלן ביי דער וואַנט. זיי אים האָבן נישט דערקענט, און ער זיי האָט יאָ דערקענט. נאָר ער האָט זיך געמאַכט צו זיי פרעמד, ער האָט זיי כלומרשט געפרעגט: — ווער איר זענט? — און גע־רעדט מיט זיי האַרט:

— וואַרט!
האָט צייט!

שטעלט אייך אין א זייט!

וואָס ברומט איר?
פון וואַנען קומט איר?

האָבן זיי געזאָגט: — פון לאַנד כנען, איינצוקויפן שפּייז.
האָט ער געזאָגט: — אַ קנאַפּער באַווייז!
אַט זענט איר געקומען צעשפּרייט איבער די טויערן, א יעדער באַזונדער. וואָס איז דאָס פאַר א שפּיצל, פאַר א וואונדער? אויסקוקערס זענט איר!

האָבן זיי געזאָגט: — אַזאַ פאַרשמיר! ניין, ווי האָט זיך צווישן אונדז אַזעלכעס גענומען? — נייערט צו קויפן שפּייז זענען מיר געקומען. מיר זענען מענטשן ערלעכע.

האָט ער געזאָגט: — געפּערלעכע.

האָבן זיי געזאָגט: — ערלעכע, צוועלף ברידער זענען מיר, זין פון איין מאַן אין לאַנד כנען. דער יינגסטער איז מיטן פאָטער, און איינעם האָט צוגעכאַפּט דער טאָטער.

האָט ער געזאָגט: — דאָס איז דער בלאָטער, ברענגט מיר דעם יינגסטן, וואָס איז געבליבן מיטן פאָטער.

און ער האָט זיי אַוועקגעשיקט און שמעונען האָט ער פאַרהאַלטן, כדי זיי זאָלן וואַרט האַלטן.

און זיי האָבן זיך אָפּגעבריט אויפן הייסן און געבלאָזן אויפן קאַלטן. און זיי זענען געקומען צו זייער פאָטער יעקב, און אַלץ וואָס זיי האָט געטראָפן, האָבן זיי דערציילט דעם גוטן אַלטן.

און יעקב האָט בנימינען פאַר שרעק צוגעהאַלטן, און ער

האָט געטענהט א געניטער: — איך ווייסט ווי איך בין אַן אָפּ־געבריטער: יוסף, בנימינס ברודער, איז טויט, און שמעון איז נישטאָ. איצט געבן אייך בנימינען, האָב איך מורא פאַר א בייזער שעה.

מג. און דער הונגער איז געווען שווער, נישט אויסצוהאַלטן. האָט עס ווידער באַוואויגן דעם גוטן אַלטן, צו שיקן זיינע קינדער קויפן עסן, ווייל דאָס וואָס זיי האָבן געבראַכט פון מצרים, האָבן זיי שוין געהאַט אויפגעגעסן.

האָט יהודה געזאָגט צו אים, אַזוי צו זאָגן: — יאָ, סע הונ־גערט אונדז דער מאָגן, אָבער וואָרענען האָט אונדז געוואָרנט דער מאַן, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט מיין פּנים נישט זען, אויב אייער ברודער איז נישט מיט אייך!

זענען יעקבס אויגן נאַס געוואָרן ווי א טייך, און ער האָט א מאַך געטון: — אפשר איז עס גלייך? נאָר אויב שוין יאָ אַזוי, נעמט פון די בעסטע פּרוכטן — דעם מאַן א מתנה, סע זאָל זיך לייטערן זיין כונה.

האָבן די מענער, מיט בנימינען, געגנידערט קיין מצרים מיט דער מתנה. און ווי יוסף האָט דערזען בנימינען, איז ער בלאַס געוואָרן ווי די לבנה. און ער האָט זיי אויפגענומען מיט א ליד, ער האָט זיי געפרעגט אויף פריד.

און ער האָט צו זיי געזאָגט: — איז פריד צו אייער אַלטן פאָטער?

האָבן זיי געזאָגט: — פריד איז צו אונדזער פאָטער.

און יוסף איז אַריין אין קאַמער, זיך צעוויינען. וואָרום וויי־נען אין דרויסן, איז נישט שיין פאַר אַזאַ גרויסן מיט לאַנגע

הויז. און ער איז אַרויס אין בלויזן, מיט אַן אָפּגעוואשן פּנים, זיי זאָלן נישט דערקענען, צי ער ווייסט וועד זיי זענען.
און ער האָט באַפוילן אָנצוטון בנימינען לאנגע הויזן, און אַ יעדן צוצושפּיליען רויזן צו די הויזן.

מד. און ער האָט באפוילן אָנצופולן זייערע זעק מיט שפּייז. און ער האָט זיך זיי שוין געוואָלט געבן צו דערקענען, און זיי דערמאָנען אין זיין חלום, נאָר דערווייל האָט ער בנימינען פאַרהאַלטן, און זיי האָט ער געהייסן גיין בשלום.
און זיי האָבן דאָס דערפילט ווי א שטאָך, ס'איז זיי געוואָרן א לאָך אין האַרצן, ווי הייסט זיי וועלן אַהיימגיין אָן בנימינען, אַזאַ בראָך! — און זיי האָבן אויפגעציטערט פאַר דעם נייעם פאַרקאָך.



יוסף איז פּרעהן פּותר חלום

ויגש

ו י ג ש — און ער האָט גענענט.
ווער האָט גענענט?
יהודה האָט גענענט צו יוספֿן, און האָט געזאָגט: — מאַלע, אַז מע פֿאַרמאָגט, איז וואָס? אַז מ'איז באַלעבאָס, אַז מ'איז דער עלצטער, נו דאַרף מען שוין אַוועקטרייבן פֿון די פֿענסטער? נאָר דאָס וואָלסטו ביי אונדז געפֿועלט צום גרינגסטן, ווען דו זאָלסט אונדז נאָר אָפּגעבן אונדזער יינגסטן. וואָרום אָן בנימינען אונדזער יינגסטן ברודער, איז אַ שאָד אַ יעדעס וואָרט, אָן בנימינען קענען מיר זיך נישט רירן פֿון אָרט. אונדזער פֿאָטער וועט עס נישט איבערהאַלטן דאָרט. וואָרום איינער — יוסף — איז נישטאָ, און אַצינד, אַז סע וועט נאָך פֿעלן בנימין, בלייבט פֿאַרזינדיקט מיין נאָמען. נעם בעסער מיך פֿאַר אַ קנעכט, וועט זיין פֿאַר מיר מער רעכט, ווי חלילה צוזען דאָס בייז, וואָס מיין פֿאָטער וועט טרעפֿן. איז, איך בעט דיך, עפֿן דיין האַרץ, עפֿן!

מה. און יוסף האָט זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן, ער האָט דערפֿילט, אַז אפֿילו אַ האַרץ פֿון שטיין מוז צעגיין,

און ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין קול אין געוויין: — איך בין יוסף, לעבט נאָך מיין פאָטער?

און זיינע ברידער זענען פאַר שרעק געוואָרן קליין און פּיצל ווי מאָן, זיי האָבן אים נישט געקענט ענטפערן. ס'האָט ביי זיי געקלאַפּט א צאָן אָן א צאָן.

האָט זיך יוסף צו זיי געווענדט מיט אויסגעשטרעקטע הענט:

— פאַרגעסט זיך נישט ווער איר זענט. גענענט צו מיר, איך בעט אייך. איך בין אייער ברודער יוסף, איר זעט דאָך, וואָס איר האָט מיך פאַרקויפט קיין מצרים. און אַצינד זאָל אייך נישט פאַרדריסן, און איר זאָלט אויף דעם אלעמען קיין טרער נישט פאַרגיסן, וואָרום דאָס אַלץ איז געשען, כדי לעבנס צו דערהאַלטן, צו פאַרזיסן — צו פאַרהיטן פון הונגער. און אַצינד. ווער ס'איז פון אייך דער בעסטער שפּרינגער, דער זאָל א לויף טון, צו דערציילן דעם טאַטן, פון דעם גאַנצן משא־מתן. אָדער ניין, אַלע זאָלט איר גיין, און נישט לאַנג זיך פאַרווײַלן, נאָר איילן אהער ברענגען מיין פאָטער און — פּטור.

און זיינע ברידער, וואָס זענען פאַר שרעק געוואָרן קליין און פּיצל ווי מאָן, און ס'האָט ביי זיי געקלאַפּט א צאָן אָן א צאָן, די ברידער האָבן פאַרשעמט צו אים גענענט. און ער האָט געקושט אַלע זיינע ברידער, און האָט געוויינט און גוט געמיינט. ער האָט זיי געקושט און ער האָט זיי געגלעט. און דערנאָך האָבן מיט אים זיינע ברידער גערעדט און גערעדט.

און ער האָט זיי אַוועקגעשיקט, און ער האָט זיי געגעבן גו־טע זאַכן פאַרן פאָטער און פאַר זיי.

און ער האָט זיי אָנגעזאָגט: — איר זאָלט זיך נישט קריגן;

אויפֿן וועג, איר זאָלט אייך נישט רייסן ביי די נעז.
און זיי זענען געגאַנגען, און זיי זענען געקומען צו יעקבֿן, און זיי האָבן געזען ווי דער גייסט פֿון זייער פֿאָטער לעבט נאָך, שוועבט נאָך, און זיי האָבן אים דערציילט, אַזוי צו זאָגן: יוסף לעבט נאָך.

און יעקבֿס האַרץ איז געוואָרן ווי פֿאַרקילט. און ער האָט עפּעס אַזוינס דערפֿילט: פֿאַר אים האָט אויפֿגעוואַכט יוספֿס חלום פֿון יענער־יענער נאַכט:

„מיר בינדן אַזוי גאַרבן אין פֿעלד, ערשט מיין גאַרב האָט זיך אויפֿגעשטעלט, און אָט, אייערע גאַרבן האָבן זיך אַרומ־געשטעלט, און זיך געבוקט צו מיין גאַרב, צו מיין גאַרב".
און ישראל האָט געזאָגט: — איך וועל גיין זען יוספֿן איי־דער איך שטאַרב.

מו. און ישראל האָט אַוועקגעצויגן מיט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, און איז געקומען קיין באר־שבע, און ער האָט — ווי זיין טבע — זיך פֿאַרטראַכט. ס'איז געווען ביינאַכט, און נעדאַכט האָט זיך אים געדאַכט: גאָט האָט גערעדט צו אים אין זעאונגען פֿון דער נאַכט, פֿאַר א גרויס פֿאָלק צו מאַכן, און נאָך און נאָך זאכן.
און די קינדער פֿון ישראל האָבן געפֿירט זייער פֿאָטער יעקבֿן, און זייערע קליינע קינדער און זייערע ווייבער. אויף די וואָגנס, וואָס יוסף האָט געשיקט יעקבֿן צו פֿירן. און זיי האָבן זיך גענומען פֿירן דורך טויער און טירן, און זיי האָבן נישט פֿאַרגעסן מיטצופֿירן, אַ חוץ די וואָגנס, אויך זייער פֿי, און זייער

פאַרמעגן. און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, וואו די וועגן זיך צעשיידן, צו פרעגן, וואו סע פירן די וועגן. און יוסף האָט זיך געלאָזט זיין פאָטער אַנטקעגן. און זיי האָבן גענומען עפּעס פאַרריכטן, פאַרציען. און נאָכן באַמיען, אביסל רוען אין די היילן. און דערוויילע געכאַפּט א שפּיל אין „ציילן".

איינס צוויי דריי, אלף בית גמל — כאַפּסט אַ דרימל.

יוד כף למד, צען צוואַנציק דרייסיק — לערנט פלייסיק.

פערציק, פופציק, זעכציק, מם נון סמך — איך ארבעט, האַם, האַם, האַם איך.

זעכציק און צען איז זיבעציק, סמך און יוד איז עין — זעצט זיך קייען.

און מער ווי ביז זיבעציק האָבן זיי נישט געציילט, וואָרום מער פון זיבעציק האָבן זיי זיך נישט געציילט.

און נאָך זיבעציק, נאָך עין,
האָבן אַלע שרייער גענומען שרייען:
זיך זעצן קייען!

און זיבעציק זענען געווען די נפשות פון יעקבס הויז, וואָס זענען געקומען קיין מצרים.

און ווי נאָר זיי האָבן זיך געלאָזט אויפן וועג קיין גושן, און זיי האָבן זיך א רוק געטון מיט די פעקלעך, מיט די קוישן, זענען זיי שוין געווען אין לאנד גושן.

און יוסף איז געקומען מיט זיין רייטוואָגן, און ווי ס'האָט זיך פאַר אים געוויזן זיין פאָטער ישראל, איז געוואָרן מיט אמאָל א געהאַלדזעריי, א געוויינעריי—נאָר ס'איז געווען כדאַי. און ישראל האָט געזאָגט צו יוספן:

— איך בין אַלט, אַ צעבראָכענער שארבן, נאָר אצינד — נאָכדעם ווי איך האָב געזען דיין פּנים, אז דו לעבסט נאָך — קען איך שוין שטאַרבן!

מז. און יוסף האָט באַזעצט זיין פאָטער און זיינע ברידער אין בעסטן טייל פון לאנד, אין בעסטן טייל. און ישראל האָט געזאָגט צו יוספן:

דערצייל, דערצייל מיר ווי מיט דיר איז צוגעגאנגען, דער-צייל, מיין זון, דערצייל.

און יוסף האָט גענומען דערציילן פון קאַרטאָפל שיילן, פון מייערן שאָבן, פון פּעטרישקע גראָבן, פון שאָלעכץ פון אייער, ביז פון זיין כלה מיטן שלייער.

און ישראל איז געזעסן אין לאנד מצרים און זיך געמערט זייער און זייער.

ויחי

ו י ח י — האָט געלעבט —

נאָר לעבן צו לעבן איז נישט גלייך, פון יעקבס צרות האָט זיך אויסגעלאָזט א טייך: אויף דער עלטער האָט אויף אים א שיין געטון א ליכט פון טויזנט זונען — ער האָט יוספן געפו־נען, געזען זיין חלום וואַך און וואָר, איז, ו י ח י יעקב — און יעקב האָט געלעבט אין לאַנד מצרים זיבעצן יאָר.

און אַלע יאָרן פון זיין לעבן, זענען געווען הונדערט און זיבנאונפערציק יאָר. און ער האָט צו יוספן געטון א מאך, און ער האָט אים געוויזן די נעסטעלעך אויפן דאַך. און ער האָט אים אָנגעזאָגט, אז ער זאָל נישט כאַפּן די פייגעלעך, נישט אַריינגאַרן זיי אין קיין שטייגעלעך, נאָר ער זאָל זיי לאָזן פראַנק און פריי, ווייל אַלץ וואָס אונטערן הימל דאַרף זיין פראַנק און פריי.

און ער זאָל עס געדענקען, און ער זאָל עס וויסן, און ער זאָל זיי נאָך דערלאַנגען א גוטן ביסן. און נאָך, האָט ער אים אָנגעזאָגט, זאָל ער וויסן און אינזינען האָבן, אז נישט אין מצרים זאָל ער אים באַגראָבן, נאָר אין קבר פון זיינע עלטערן, נאָר אין זייער קבר.

און אין יוספן האָט אזש א ציטער געטון יעדעס אבר, און ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים פאָלגן און פאָלגן, ער וועט און וועט — און ישראל האָט שוין נישט פאַרלאָזט דאָס בעט.

מח. און ס'איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן, האָט יוסף נישט געוואוסט וואָס פריער צו טון. צי זאָל ער לויפן אַהער צי זאָל ער לויפן אהין. האָט ער גענומען מנשהן און אפרימען, זיינע צוויי זין, און ער איז מיט זיי געגאנגען אהין, צו יעקבן. און ער האָט זיי געזאָגט, אַז דער טאטע יעקב פאָרט אַוועק, וויל ער זיך מיט זיי געזעגענען. און ער האָט זיי באַלערנט ווי אַזוי זיי זאָלן אים באַגעגענען און ווי אַזוי זיי זאָלן זיך אויפֿפירן ביים געזעגענען.

און מע האָט געלאָזט וויסן יעקבן, אַז זיין זון יוסף קומט צו אים. און ווי מע האָט וועגן דעם גערעדט, האָט ישראל זיך געשטאַרקט, און זיך אויפגעזעצט אויפן בעט. ווי איינער רעדט: געקומען די צייט צו בענטשן, סע פירט זיך אַזוי ביי מענטשן, און ער האָט געזאָגט צו יוספן, ער זאָל צופירן מנשהן און אפרימען, און ער וועט זיי בענטשן.

האָט זיי יוסף געמאַכט גענענען צו אים, צום בעט, און ער האָט זיי געקושט און געהאַלדזט און געגלעט, און ישראל האָט געזאָגט צו יוספן: — ווער האָט געדאכט פון אזעלכע וואונדער, אזש צו זען דיינע קינדער! און אצינדער, גענען זיי, גענען.

און די אויגן פון ישראלן האָבן שוין נישט געקענט זען. און ער האָט געצאַפּלט: גענען זיי, גענען. און ער האָט זיי גע־

זאָגט, אז ער פאַרט אַוועק, זיי וועלן אים שוין מער נישט זען. לאָזט ער זיי איבער שיינע שפּילעכער און זיסע קיכעלעך און שיינע בייגעלעך. נאָר זיי זאָלן לאָזן פריי די פייגעלעך, און זיי נאָך אונטערטראָגן וואַסער מיט קאַשע. און ער האָט זיי געבענטשט: „מיט דיר זאָל זיך בענטשן ישראל, אַזוי צו זאָגן: גאָט זאָל דיך מאַכן אזוי ווי אפרים און אזוי ווי מנשה".

מט. און יעקב האָט גערופן זיינע זין און האָט געזאָגט: —

זאַמלט אייך איין, איך לאָז זיך אין וועג, און וועל אייך זאָגן וואָס אייך וועט געשען אין סוף פון די טעג.

ראובן,

מיין בכור ביסטו, האָסט געוויינט און צערודערט מיר די נאַכט.

שמעון און לוי —

ביידע איין אומרו, אַז נישט פאַר קיינעם געדאַכט!

יהודה,

דיך וועלן ליבן דיינע ברידער, פאַרן פאָלגן טאַטע־מאַמען.

זבולון —

ער וועט וואוינען ביים באָרטן פון ימען, און כאַפּן פיש.

יששכר —

ער, מיט א געבויגענעם רוקן, שאַרט זיך צום טיש.

דן —

ער וועט פאַר די קינדער זיך אָננעמען, נישט לאָזן דער־לאַנגען זיי אין די ציין.

גד —

ער וועט זיך זיין שטעטל אַליין באַשטיין.
אשר —
ער וועט האָבן גוטן פלאָדן, באַשטעקט און געפּילט אין דער לענג און אין דער ברייט.
נפתלי —
ער איז געשיקט און פלינק, און א נחת, א פרייד, פון זיינע שיינע רייד.
יוסף —
דער פּאַסטוך, דער פעלז פון ישראל, אויף זיין קאָפּ זאָלן זיין אלע ברכות מיט אַמאָל.
בנימין —
דער יינגסטער, אין דער פרי עסט ער און אין אָוונט טיילט ער אלע מאָל.

די אַלע זענען די צוועלף שבטים פון ישראל. און יעקב האָט זיי געבענטשט און צו זיי גערעדט ווידער אַמאָל. ער האָט צו זיי גערעדט און גערעדט, און ווי ער האָט געענדיקט, האָט ער אַריינגענומען זיינע פיס אין בעט, — אַוועק, אַוועק, העט־העט.

ג. און יוסף האָט געוויינט איבער זיין פאָטער און האָט אים געקושט. און די מצרים האָבן אים באַוויינט זיבעציק טעג.
און יוסף מיט זיינע ברידער האָבן זיך געלאָזט אין וועג. און זיי האָבן געקלאָגט זייער א גרויסע און שווערע קלאָג, און גע־מאַכט א טרויער פון זיבן טעג — טאָג אויף טאָג. און זיי האָבן זייער פאָטער אַוועקגעטראָגן קיין כנען, אין דער הייל פון דעם פעלד פון מכפלה. — אַזוי ווי זייער פאָטער האָט באַ־

פוילן, האָבן זיי צוגעהערט. און זיי האָבן זיך קיין מצרים אומ־געקערט.

און יוסף האָט געזאָגט צו זיינע ברידער: — הערט, איך שטאַרב, אָבער דערמאַנען וועט זיך גאָט דערמאַנען אָן אייך, און איר וועט אויפגיין פון דאַנען צו דעם לאַנד פון אברהם, יצחק און יעקב. באַשווער איך אייך, אַז אַזוי ווי איר וועט נעמען שפּאַנען, זאָלט איר אויפברענגען מיינע ביינער פון דאַנען.

און פון וואו און פון וואַנען, אין גאַנץ מצרים, האָט מען יוספן געהאַלטן פאַר א קלוגן, פאַר א גוטן און געטרייעם. און צו הונדערט און צען יאָר איז ער אַריינגעטון געוואָרן אין אַן אָרון אין מצרים.

די מערת המכפלה

שמות

שמות

שמות — — — — — — — — — — —	זייט	97
וארא — — — — — — — — — — —	,,	105
בא — — — — — — — — — — — —	,,	111
בשלח — — — — — — — — — —	,,	119
יתרו — — — — — — — — — — —	,,	131
משפטים — — — — — — — — — —	,,	137
תרומה — — — — — — — — — —	,,	143
תצוה — — — — — — — — — — —	,,	147
כי תשא — — — — — — — — — —	,,	151
ויקהל — — — — — — — — — — —	,,	157
פקודי — — — — — — — — — — —	,,	161

שמות

א. ש מ ו ת — די נעמען —
אויף אייביק זענען פאַרבליבן די נעמען פון ישׂראלס־הויז.

ש מ ו ת — די נעמען —
פון קליין און גרויס, וואָס זענען געקומען קיין מצרים מיט יעקבן, פון יעקבס שויס.

ש מ ו ת — די נעמען —
מיט וועמען ס'איז נישטאָ זיך וואָס צו שעמען — זענען אויף אייביק פאַרבליבן די נעמען. און ס'איז געשטאָרבן יוסף, און אַלע זיינע ברידער, און יענער גאַנצער דור.
נאָר — אין יעדן דור איז געווען אַ „נאָר” מיט אַ „נאָר” — די קינדער פון ישׂראל האָבן זיך געמערט און געמערט, און זיי זענען געוואָרן זייער־זייער שטאַרק, און דאָס גאַנצע לאַנד איז פול געוואָרן מיט זיי, פול מיט די נעמען.
די נעמען — ש מ ו ת.

און ווען מיט יענעם מלך איז געוואָרן אויס, איז אויפגע־שטאַנען אַ נייער מלך איבער מצרים און ס'איז געוואָרן —

גאָרנישט פריילעך מיטן נייעם מלך! ער האָט געזאָגט צו זיין פאָלק, צו זיינע הערער:

— דאָס פאָלק פון די קינדער פון ישראל איז מערער און שטאַרקער פון אונדז, פיל מערער. צו שעמען איז זיך דאָך צו שעמען, וויפל סע זענען זייערע נעמען. דעריבער קומט און ברומט און בראָט און ברענט, אַזוי ווי איר קענט, בראָט און ברענט און ברומט און קומט, לאָמיר זיך קליגן קעגן אים.

איז נישט צו פרעגן אים, אויפגעשטאַנען קעגן אים, קעגן דעם פאָלק פון די קינדער פון ישראל, קליגן זיך, קריגן זיך:

— דאָס עסן — פאַרמיאוס אים, דאָס לעבן פאַרמיאוס אים.

און דאָס פאָלק האָט געבויט שפייכלער־שטעט פאַר פרעהן, רעמסס און פּתום, פּתום און רעמסס, און פאַרקערט, דווקא זיך געמערט.

און די אידישע הייבנס האָבן זיך צו פרעהן נישט צוגע־הערט, אַז יעדער זון, וואָס ווערט געבוירן — מעג ער זיין ווי שיין און זיס — זאָלן זיי אים מאכן לאַנגע פיס. פרעה האָט זיי געמענט נויטן, אפילו טויטן, האָט ער ביי זיי דאָס נישט גע־קענט פועלן.

און פרעה האָט באַפוילן:

— יעדעס יינגל, יעדער זון, וואָס ווערט געבוירן, זאָלט איר אים גלייך שיקן גליטשן אויפן טייך.

ב. און א מאַן פון דעם הויז פון לוי, איז געגאַנגען און האָט גענומען א טאָכטער פון לוי. און זי האָט געבוירן א זון, א שיינעם. און אז זי האָט אים מער נישט געקענט באַהאַלטן

פאַר קיינעם, האָט זי אים אַריינגעטון אין א קעסטל ביים ברעג טייך אין די ריטלעך, ער זאָל זיך דאָרטן שפּילן אין קוויטלעך. און פון דערווייטן צו די ריטלעך, האָט זיך צוגעקוקט זיין שוועסטער.

און די טאָכטער — א שוועסטער! —

די טאָכטער פון פּרעהן האָט אַראָפּגענידערט אין טייך, און גלייך ביים ערשטן בויג האָט דערזען איר אויג, אז מיט דעם קעסטל צווישן די ריטלעך איז שוין גאָרנישט קיין שפּיל אין קוויטלעך. און זי האָט דאָס קעסטל געעפנט, ערשט אַ יינגל — אך ווי שיין! — וויינט, וואָס מע האָט אים געלאָזט אַליין. האָט זי דאָס געוואָלט פאַרשטיין, און זי האָט זיך אויף אים דערבאַרימט.

און איידער ער האָט זיך נאָך דערוואָרימט, האָט זיין שוועסטער אַ מאַך געטון אַזוי:

דאָס קינד איז אַזוי יונג און רוי, זאָל איך רופן א פרוי, א זויג־פרוי?

האָט פּרעהס טאָכטער צו איר געטון מיט פרייד א געשריי:

— גיי, איינס און צוויי!

און אין איין דריי איז שוין געווען די פרוי, וואָס האָט דאָס קינד געבוירן, און זי האָט א זאָג געטון מיט א פאַרוויינט פּנים:

— ווי, דאָס קינד ווערט געפרוירן, זאָל איך עס נעמען צו מיר, וואו איך וואוין?

האָט פּרעהס טאָכטער געזען, ווי דאָס קינד איז בלאָ און ברוין, האָט זי געזאָגט:

— נעם עס שוין, און פאַרן זויגן וועל איך דיר צאָלן דיין לוין, מיט ווייץ און קאָרן.

און אַז דאָס קינד איז גרעסער געוואָרן, און זי האָט אים געבראַכט צו פּרעהס טאָכטער, האָט זי א פאַרקאָכטע זיך צעזונגען:

— „אוישי, בוישי, גוישי,
שוין א יינגי גרוישי!"

און זי האָט גערופן זיין נאָמען משה.

און ס'איז געווען אין יענע טעג, ווען משה איז אויפגע־וואַקסן און ער האָט זיך גענומען צו באַשטראָפן דעם שלעכטן, צו באַשיצן דעם גערעכטן, האָט ער דערזען, ווי פּרעהס נאָז איז אויסגעוואקסן און אָנגעצויגן, אויסצושיסן ווי פייל־און־בויגן: ער איז אים געוואָרן גרויס אין די אויגן. האָט משה גע־נומען דעם שטעקן און ער איז אַנטלאָפן און זיך באַזעצט אין לאַנד מדין. און דער פּריסטער פון מדין האָט געגעבן משהן פאַר א ווייב, זיין טאָכטער צפורה.

און א מורא און א זיפצן פון די קינדער פון ישראל אין דער קנעכטשאפט אין מצרים. און זייער קרעכצן און לעכצן איז דערגאנגען צו גאָט, זיי צו באַפרייען.

ג. און משה האָט געפיטערט די שאָף פון זיין שווער יתרון, דעם פּריסטער פון מדין. און משהס הארץ האָט געוויי־טיקט, וואָס פון זיינע ברידער איז אין מצרים געוואָרן. און טראַכטן האָט ער געטראַכט: ווען וועט זיך ענדיקן דער צאָרן! און ווי הייסט זיינע ברידער זענען אין קנעכטשאפט און ער גאָר איז אַנטלאָפן געוואָרן?

האָט זיך באַוויזן צו אים אַ מלאך פון גאָט אין אַ פלאַם־פייער פון מיטן פון אַ דאָרן, און גאָט האָט גערופן צו אים פון מיטן דאָרן:

— משה! משה!

האָט משה געענטפערט:

— דאָ בין איך.

און ער האָט געקוקט אויף דער גרויסער זעאונג, אומגע־שטערט. און ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס סע קען זיך טרעפן אויף דער ערד. און ער האָט געקוקט וואָס פון דעם ווערט: אַ דאָרן ברענט אין פייער און ווערט נישט פאַרצערט?

דאָס פייער איז נישט געווען קיין פייער, וואָס ברענט און פאַרצערט. דאָס איז געווען אַ פייער — ווער סע ווייסט — וואָס דערלייזט. אַ פייער וואָס לייכט, היילט און וואַרימט.

און משה האָט געהערט פון גאָט, אַז ער האָט זיך אויף זיינע ברידער דערבאַרימט. און וועט אים שיקן צו פרעהן, אַרויסציען זיין פאָלק, די קינדער פון ישראל, פון מצרים. און ס׳וועט זיין לחיים. ס׳וועט זיין צום לעבן, צום געניסן. אין אַ לאַנד, וואו ס׳וועט רינען און פליסן מילך און האָניג.

אין אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניג.

ד. און משה האָט אַ וואָרף געטון דעם שטעקן:

— אַז וואַנדערן, איז מיט מיין פאָלק, מיט מיינע ברידער צו וואַנדערן, נישט איינער אָן דעם אַנדערן, אָך, ווי באַנג!

און דער שטעקן איז געוואָרן אַ שלאַנג, האָט משה אויס־געשטרעקט זיין האַנט, און האָט זי אָנגענומען פאַרן עק, פאַרן קאַנט, און זי איז געוואָרן אַ שטעקן אין זיין האַנט.

און ער האָט זיך אויף אים אָנגעשפּאַרט ווי ביי אַ וואַנט, און אַריינגעשטעקט זיין האַנט אין זיין בוזעם. און — אַ ווייס־קייט פאַר זיינע אויגן — ווען ער האָט זי אַרויסגעצויגן: זיין האַנט, ווי שניי ווייס, מצורה, אַ מורא! און ווידער אַריין און אַרויס, און גאָרנישט, אויס. די האַנט ווי געווען.

זאָל געשען וואָס סע וועט געשען — האָט משה באַ־שלאָסן, און ווי ניי געבוירן, קיין צייט נישט פאַרלוירן, גענו־מען זיין ווייב און זיינע זין, און זיך אומגעקערט אַהין, קיין מצרים. און דעם שטעקן האָט ער מיטגענומען אויף אַלע ערטער.

און משה האָט דערציילט זיין ברודער אהרנען אַלע ווער־טער. און משה און אהרן זענען געגאַנגען און האָבן איינגע־זאַמלט אַלע עלטסטע פון די קינדער פון ישראל. און אהרן — ער האָט געקענט שיין רעדן — האָט ער גערעדט פאַרן פאָלק, פאַר יעדן, אַלע זאָלן באַפרייט ווערן פון זייער קנעכטשאַפט, און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט צו רעדן. און ווי זיי האָבן גע־הערט פון אַ נייער צייט, אַז זיי וועלן ווערן באַפרייט, ס׳וועט זיי זיין גוט, האָט זיך אין זיי דערוואַרימט דאָס בלוט, און זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט, מיט מוט.

ה. און דערנאָך האָבן משה און אהרן געזאָגט צו פרעהן, אַז ער זאָל אַרויסלאָזן די עברים אויף דריי טעג, צו די ביימער זיך שאַרן רייסן באַרן. האָט פרעה געזאָגט, אַז משה און אהרן ווילן אים נאַרן. וואָס מיר באַרן? ווער מיר באַרן? און ער וועט זיי אין ערגעץ נישט לאָזן נישט גיין, נישט זיך שאַרן. און ער האָט באַפוילן, אַז דאָס פאָלק זאָל מאַכן ציגל אַזוי, אָן שטרוי.

מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, נישט שטיי און נישט זיץ, נישט גיי און נישט לויף. פייניקן און פּלאָגן — אַ צענטן צו פאַרזאָגן פון ווען זיך באַפרייען.

האָבן זיי נאָך אָנגעהויבן ביטערער צו שרייען, ס׳איז זיי נאָך ערגער געוואָרן. צעפלאַקערט האָט זיך פּרעהס צאָרן, און געוואָרן ווי אַ פייערדיקער דאָרן, און געשטאָכן און גע־ברענט, געברענט און געשטאָכן.

ו. האָט משה געבראָכן מיט די הענט: אַזוינס גאָר זאָל קו־מען! און ער האָט באַנומען, אַז פאַר אַזאַ פּרעה דאַרף מען וויסן מיט וואָס פאַר אַ ביסן: אַז העלפן קען נאָר, דורך אַ שטאַרקער האַנט אים צוצושפּאַרן צו דער וואַנט. און אים לאָזן שטיין פאַרן עולם ווי אַ גולם, און אים אַריינשרייען אין ביידע אויערן, אַז סע זאָל זיך אַזש הערן אין אַלע טויערן, וואָס און ווי אַזוי, אַז ער מעג קייען שטרוי. וועט ער גאָכן צושפּאַרן, זיך מער ניט שפּאַרן, נאָר ער וועט אויסרופן: משה! אהרן! — און ער וועט לאָזן גיין רייסן באַרן.

משה אין קעסטעלע ביים טייך

וארא

— ו א ר א — און איך האָב זיך באַוויזן, משה, משה, דיר צו זאָגן.

זייער קרעכצן, זיפצן, קלאָגן,
האָבן העכער זיך דערשלאָגן,
האָבן ווערטער זיך דערטראָגן:
„משה", „משה" — אַזוי צו זאָגן:

— ו א ר א — און איך האָב זיך באַוויזן צו אברהמען, צו יצחקן און צו יעקבן — צו די אבות.

האָט משה געזען, אַז דאָס איז נישט קיין קאַטאָוועס. און ער האָט גערעדט צו די קינדער פון ישראל, וועגן דעם לאַנד פון זייערע אבות, אַז זיי קענען קומען אין דעם לאַנד, ס'איז נישט קיין קאַטאָוועס. זיי קענען באַפרייט ווערן פון דער קנעכטשאַפט, ווען זיי זאָלן זיך נאָר צונויפנעמען אַלע אינ־איינעם, נישט זיך שרעקן פאַר קיינעם, וואָלטן זיי אַ וועלט איבערגעקערט!

אָבער זיי האָבן זיך צו משהן נישט צוגעהערט, וואָרום די קנעכטשאַפט, די שווערע אַרבעט, האָט זיי געמאַכט מאַט און מיד, און פאַרביטערט און דערשלאָגן זייער געמיט, אַז

זיי האָבן נישט געוואוסט וואוהין מע גייט, וואוהין מע ציט, וואוהין מע צילט.

און משה האָט געזען און געפילט, אַז ס'האָט אים נישט אַזוי גוט צוגעשפּילט. און ער האָט געטראַכט און געריעדט — וועגן דעם וואָס סע קען זיין, וואָס סע וועט זיין, וואָס סע קען און וועט — האָט ער געטראַכט און גערעדט, אַזוי צו זאָגן:

— נישטאָ וואָס צו זאָגן, אַז די קינדער פון ישראל האָבן זיך נישט געוואָלט צו מיר צוהערן, היינט ווי וועט זיך פּרעה צו מיר צוהערן? איז וואָס זשע קען דערפון ווערן? וואָס פאַר אַן עצה?

און פּרעה האָט נישט געהאַט קיין קאָפּ אויף זיך, נייערט אַ פּלייצע. און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, און זיי באַפוילן צו די קינדער פון ישראל, און צו פּרעהן דעם מלך פון מצרים — געזאָגט און באַפוילן, אַז אויב מע וועט ביי אים נישט פּועלן, וועט מען אים צוגרייטן אַ סוף, אַז סע וועט אים גרוילן, ווי ער זאָל טרעטן אויף קוילן.

איז געוואָרן אָפּגעמאַכט אַזוי:
נישט צו לאָזן אים דערוואַרימען,
זאָל משה רעדן אַלץ מיט אַהרנען,
און אַהרן זאָל ערשט רעדן דאָס צו פּרעהן:
אַז אויב ער וועט די קינדער נישט באַפרייען,
וועט איבער אים זיך זייער שוואַרץ פאַרכמאַרען.

און משה איז געווען אַ מאַן פון אַכציק יאָר, און אַהרן אַ מאַן פון דריי־און־אַכציק יאָר. ווען זיי האָבן גערעדט צו פּרעהן.

און פאַרכמאַרען האָט זיך אָנגעהויבן איבער אים זייער־

זייער צו פאַרכמאַרען: משה און אַהרן זענען געקומען צו פּרעהן, און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען:

— ווייל ער וויל זיך נישט אויף די קינדער פון ישראל דער־באַרימען, זאָלסטו אים נישט לאָזן זיך דערוואַרימען. זאָל ער ציטערן און זיך שרעקן פאַר דיין שטעקן, אַז ער זאָל אַזש לויפן די מאַמען אויפוועקן. און דו, נעם דיין שטעקן, ביי איי־נעם פון זיינע עקן, און טו אַ וואַרף, וועט ער ווערן אַ שלאַנג.

און אַהרן האָט, נאָכן פאַרלאַנג, אַ וואַרף געטון זיין שטעקן, און ער איז געוואָרן אַ שלאַנג. אַזוי ברייט און לאַנג, אַז פּרעה האָט נאָך אַלץ געזאָגט, אַז סע טוט אים נישט באַנג. און ער האָט גערופן די כישוף־מאַכערס, האָבן זיי געוואָרפן זייערע שטעקנס, און זיי זענען געוואָרן שלאַנגען, ס'איז זיי געלונגען, אָבער אַהרנס שטעקן האָט זייערע שטעקנס איינגעשלונגען. פּרעה איז שיעור נישט געוואָרן צעזעצט און צעשפּרונגען. אָבער ער האָט נאָך, ווי פריער, געזונגען אַלץ דאָס זעלבע לידל האָט ער געזונגען, זיין האַרץ איז געבליבן פעסט.

און אויסגעפּוצט און אויסגעפּרעסט, איז ער אין דער פרי אַרויס צום וואַסער. איז אָנגעקומען משה אַ בלאַסער, און ער האָט צו אים אַ זאָג געטון ביים וואַסער:

— הער נאָר אויס, דו נאַסער! בלוט וועט ווערן פונעם וואַסער, אויב דו וועסט די קינדער פון ישראל נישט אַרויס־לאָזן. שלעכט, זייער שלעכט, וועט זיך מיט דיר אויסלאָזן: איך וועל דיר אַריינוואַרפן דאָס העמד מיט די הויזן, און דער טייך וועט זיך צעברויזן, און דו וועסט בלייבן אין בלויזן, אָן העמד און אָן הויזן. און אַלע וועלן פון דיר שפּעטן און לאַכן.

און כאָטש די אַלע זאַכן, וואָס משה און אַהרן האָבן אויף

אים געפּרואווט מאַכן, האָט זיך פּרעה אַלץ געהאַלטן ביי זיינע זאַכן.

ח. און ווי ער איז אַזוי געבליבן אין בלויזן, אָן העמד און אָן הויזן, אָן אָנגעטועכץ, אָן גרעט, אָן וועש, איז ער אינגאַנצן באַדעקט געוואָרן מיט פּרעש. און ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון, וואָס צו שרייען: בלאָז צי לעש, נישט אויסצוהאַלטן פון די פּרעש. האָט ער זיך געהייסן געבן נייע וועש, דאָס לייב צו פאַרדעקן.

און אַהרן האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט מיט זיין שטעקן, האָט פּרעהן גענומען בייסן, אַז ער האָט אָנגעהויבן די הויט פון זיך צו רייסן. ער האָט שוין געהאַט פול אין טעפּל און אין גלאָז. און ווי אַזוי און וואָס? — אַ פינגער פון גאָט איז דאָס — האָבן שוין פּרעהס כישוף־מאַכערס געזאָגט.

און נישט מיט דעם אַליין האָט מען אים געפּלאָגט. אָבער זיין האַרץ איז געבליבן האַרט. כאָטש ער האָט שוין געזען, אַז ער וועט נישט זיגן. און ס'איז אויף אים אָנגעשיקט געוואָרן אַ געמיש פון פליגן, אַז ס'האָט זיך אויף אים אָנגעהויבן דאָס העמד צו קריגן.

און כדי פּטור צו ווערן פון דעם געמיש פון פליגן, האָט ער שוין אַפילו צוגעזאָגט, די קינדער פון ישראל צו באַפרייען, אָבער ער האָט נישט געהאַלטן וואָרט, און זיי דאָרט ווי צוגעבונדן צום אָרט.

ט. נאָר וואָס פאָרט? וועט מען אָנלייגן די מי? — און אין איין

צי, איז ער געשלאָגן געוואָרן מיט ברי אויף ברי: אָט איז אויסגעשטאָרבן דאָס גאַנצע פי.

און דערנאָך, ווען ער איז געבליבן איינער פון דעם פי, האָט ער דערפילט ווי סע ברענט, ווי סע צינדט: ס'איז געוואָרן א גרינד וואָס שלאָגט אויס אין בלאָטערן.

איז ער געשפרונגען פון דער הויט און ער האָט געוואָלט אַנטלויפן אפילו צו די טאָטערן. זענען אים אָבער פאַרשטעלט געוואָרן אַלע וועגן, ס'האָט אים געפּאַקט א רעגן, נישט גלאַט אַ רעגן, נייערט א האָגל. ס'איז געווען אַ האָגל מיט א פלאַקערדיק פייער אין מיטן האָגל, וואָס האָט אויף טויט דערשלאָגן. ס'איז אים נישט מעגלעך געווען וואו צו גיין.

און וויפל מע האָט אים אַלץ נישט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער דאַרף איינזען אַליין, אַז אויב ער וועט די קינדער פון ישראל נישט לאָזן פראַנק און פריי זיך גיין, וועט מען אים סוף־כל־סוף דערלאַנגען אין די ציין! — וויפל משה האָט דאָס אים נישט געגעבן צו פאַרשטיין, איז פרעהס הארץ געבליבן הארט ווי א שטיין.



משה און אהרן ביי פרעהן

בא

י. ב א — קום,
נאָר ס'איז גרינג צו זאָגן קום,
ווי צו רעדן, אַז מ'איז שטום.

ב א — קום, קום צו פּרעהן — אַז ס'איז דאָ צו וועמען צו קומען, ווי ס'איז דאָ לשון ביי א שטומען. אַז מע איז שוין ביי אים געווען וויפל מאָל, ער זאָל ארויסלאָזן די קינדער פון ישראל, און זיין הארץ איז אַזוי האַרט.

נאָר וואַרט!

מע טאָר נישט זיין צו דיר צאַרט, דו פּרעה - פּאַקער, אַז דו ביסט יאָ אַזא קנאַקער. א פלאקער וועט זיך איבער דיר צעפלאַקערן פייער־פלאַקער, אַז דו וועסט ווערן אויס קנאַקער, דו פּרעה־פּאַקער! דער פייער פלאַקער וועט דיר אָפּסמאַליען די האָר פון דיין קאָפּ — וואָס דו האָסט נישט —

ווייל דו לאָזט נישט גיין די קינדער, נישט איינאיינעם און נישט באַזונדער. נאָר זיי וועלן שוין דווקא יאָ גיין, אפילו מיט שאָף און רינדער, און דו וועסט בלייבן מיט א צעקנייטשטן צילינדער, אַז אַלע וועלן פון דיר לאַכן.

און דערנאָך וואָס וועסטו מאַכן? דו וועסט וועלן נאָכ־

לויפן, וועט מען די הינטערשטע רעדער אָפּשרויפן, וועסטו בלייבן פון הינטן, און פאַרטראָגן פון די ווינטן, א טויט־בלאַסער.

וועסטו לויפן צום וואַסער זיך פאַרבענקען נאָך די קינ־דער, און כאַפּן דיין צילינדער און זיך לאָזן נאָכשווימען.

נאָר ווער ווייסט צי דו וועסט קענען נאָכשווימען, צי דו וועסט נישט אומקומען מיט דיין צעקניטשטן צילינדער, אויף בייז וואונדער, אָן אַ קרעכץ, אָן אַ ברום.

אָבער ווידער דאָס זעלבע, רייד און שריי, זאָג און ברום, ווען פּרעהס אויער איז ווי טויב, און זיין מויל ווי שטום. נאָר מע מוז ווידער גיין, דאָס הארץ זיינס וועט דאָך צעגיין, ווי סע צעגייט אַ כמאַרע.

ב א — קום, קום צו פּרעהן — איז געזאָגט געוואָרן צו משהן. זענען משה און אהרן געקומען צו פּרעהן, און זיי האָבן צו אים געזאָגט, אז אויב ער וועט זיך נישט צוהערן צו זייערע רייד, וועט מצרים אונטערגיין ווי סע שטייט און גייט. און מאָרגן שוין וועט קומען אַ היישעריק, און אלץ וואָס ס'איז גע־בליבן, וועט אויפעסן דער היישעריק.

און געקומען איז דער היישעריק,
אין אַ ווילד געיעג,
און אָפּגעגריזעט
פעלד און וועג.

און דריי טעג איז געווען א שטאָק־פינצטערניש אין גאַנצן לאַנד מצרים, דריי טעג. פּרעה האָט נישט געזען פאַר זיך קיין שטעג און וועג. און ער האָט זיך נישט אויפגעהויבן פון זיין אָרט דריי טעג.

און אין זיין אויער האָט געזעגט ווי מיט א זעג, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז אין די וואוינערטער ביי די קינדער פון ישראל איז געווען ליכטיק. און ער האָט זיך געגעבן א שטעל אַוועק, זיך געוואָלט מאכן גרויס, וויכטיק:

— נישט ריכטיק, — האָט ער א זאָג געטון צו משהן — גיי פון מיר אַוועק און אַן עק! וואָרום דו וועסט שטאַרבן אין דעם טאָג, וואָס דו וועסט זען מיין פּנים.

— דיין פּנים־צאָנים! — האָט משה זיך צעלאכט אַנט־קעגן זיין פּנים — איך וועל זיין איינער פון די גרעסטע נאַ־ראָנים, אויב איך וועל מער ווידער זען דיין פּנים!

יא. און גאָט האָט געזאָגט צו משהן, אַזאַ מין זאָג:

— נאָך א טאָג און נאָך אַ טאָג, און סע וועט שוין זיין א סוף צו דער קלאָג. איך וועל ברענגען אויף פּרעהן נאָך איין פּלאָג, און — א גוטן טאָג: ער וועט אייך אַוועקלאָזן פון דאַנען.

האָט משה פאַרשטאַנען, אַז אויס: די קינדער פון ישראל וועלן שוין פון דער קנעכטשאפט אַרויס.

און דער מאַן משה איז אין לאנד מצרים געווען זייער גרויס. און ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס פּרעה האָט אומריין וואַסער פאַרגאָסן, אַז די קינדער זאָלן נישט קאָנען גיין שפּאַ־צירן. און משה האָט באַשלאָסן, פּרעהן ביי דער נאָז אַרומ־צופירן.

— נאָר ווי הייסט אים ארומצופירן ביי דער נאָז? — האָט משה א טראכט געטון, — אז וואָס? פּרעה האָט דען א נאָז? ווי קען ער האָבן א נאָז, אַז ער האָט נישט קיין קאָפּ?

און אויב ער האָט יאָ אמאָל געהאט א קאָפּ—איידער ער האָט

די קינדער געפּלאָגט און געיאָגט און געטריבן — און די נאָז איז אים פאַרבליבן? אויב ער האָט יאָ געהאט א קאָפּ? איז ער זיכער געווען אַ גראָבער קאָפּ, און ער האָט געמוזט זיין נישט ביינערדיק, נאָר שטיינערדיק צי גאָר הילצערן.

און משה איז אַרויסגעגאַנגען פון פּרעהן אין גרימצאָרן.

יב. און אַט, וואָס ס'איז געוואָרן: משה און אהרן האָבן פאַר־נומען די רייד פון גאָט:

— ס'וועט געשען אַט־אַט. דער דאָזיקער חודש זאָל אייך זיין דער אָנהייב פון חדשים: ער זאָל אייך זיין דער ערשטער פון די חדשים פון יאָר. און אין פערצנטן טאָג פון דעם דאָ־זיקן חודש אין אָוונט, וועט אַלץ ווערן וואָר. און געשלאָגן וועט ווערן יעדער בכור אין לאַנד מצרים, ביי די אַלע, וואָס ווילן אייך נישט באַפרייען. און דער דאָזיקער טאָג וועט אייער לעבן באַנייען. און דער דאָזיקער טאָג זאָל אייך זיין פאַר א געדעכעניש, און איר זאָלט אים פייערן א פייערטאָג, וואָרום מיט אים הייבט זיך אָן אייער פרייער טאָג, זאָלט איר אויף אייערע דור־דורות פייערן דעם פייערטאָג.

און ווי משה און אהרן האָבן פאַרנומען דעם טייערן זאָג, האָבן זיי דערפילט און דערזען ווי סע קומט דער טאָג. און אַך, ווי גוט סע וועט זיין! — האָבן זיי געטראַכט.

און ס'איז געווען אין האַלבער נאַכט, אַזוי איז יעדער בכור אין לאַנד מצרים — ביי די־אַלע, וואָס האָבן נישט גע־וואָלט די קינדער פון ישראל באַפרייען — איז יעדער בכור גע־בליבן ליגן, און זיין חלק געקריגן: אַ קאַנטשיק איז איבער זיי געפלויגן און געשפּרונגען און זיי געשמיסן, אַז זיי זאָלן וויסן,

וואָס זייערע זיידעס ווייסן. ביז זיי האָבן פאַרגעסן, ווי אַזוי זייערע באָבעס האָבן געהייסן.

און אין סאַמע הייסן, איז פּרעה אויפגעשטאַנען ביי דער נאַכט — דאָס איז שוין געווען אַ נאַכט, אַנדערש פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר! — און ווי פּרעה האָט געזען, אַז אַזוי גאָר, האָט ער גערופן משהן און אַהרנען ביי דער נאַכט:

— אַל־דאָס־גוטס צו אייך געדאַכט! שטייט אויף און גייט, אַזוי ווי איר האָט געזאָגט, און גייט, און בענטשט מיך אויך.

און די קינדער פון ישראל האָבן אָנגעהויבן דערהויבן ווערן הויך־הויך.

די באַדריקונג,
די פאַרקנעכטונג,
דער יאָך —
די קייטן זענען פאַרשוואונדן ווי מיטן רויך.
לויטער, פריי.
ווי ערשט געבוירן, ניי.

און פייגעלעך זינגען פון פרייהייט — לידער. און מצרים ווידער, נעם באַקוק עס, צום לעצטן מאָל.

און די קינדער פון ישראל האָבן ארויסגעצויגן פון רעמסס קיין סוכות, אַרום זעקס הונדערט טויזנט פוסגייער, מענער, אַ חוץ קינדער. און אַ סך אַנדערע זענען מיט זיי מיטגעגאַנגען צו בעטן אַ שטיקל מצה. האָבן זיי געבאַקן קוכנס מצה, און געגעבן איינער דעם אַנדערן צו פאַרזוכן פון קוכן אַ יעדן באַזונדער, אויך צו די קינדער, וואָס האָבן מיטגעפירט פּרעהס צעקנייטשטן צילינדער, כדי זיך צו באַשיצן פון די היצן.

און דאָס זיצן פון די קינדער פון ישראל, וואָס זיי זענען געזעסן אין מצרים, איז געווען פירהונדערט און דרייסיק יאָר.

יג. און משה האָט געזאָגט צו דעם פאָלק.

— זאָלן מיר נאָר קומען צו א טאָלק, איז, געדענקען זאָלסטו געדענקען דעם דאָזיקן טאָג. ווען דו וועסט קומען אין לאַנד, וואָס מיין האַרץ האַלט אין איין בענקען, זאָלסטו דעם דאָזיקן טאָג געדענקען און געדענקען. און סע וועט זיין, אז דיין זון וועט דיך פרעגן, אַזוי צו זאָגן: „וואָס איז דאָס?״ זאָלסטו אים זאָגן אָט־וואָס: אין דעם דאָזיקן טאָג זענען מיר באפרייט געוואָרן פון פרעהס הערשאפט. מיט א שטאַרקער האנט האָט אונדז גאָט אַרויסגעצויגן פון מצרים פון דעם הויז פון קנעכטשאפט,

פון דעם הויז פון קנעכטשאפט.



די בני ישראל גייען ארויס פון מצרים

בשלח

ב ש ל ח — ביים אַוועקלאָזן,
די קינדערלעך צום ברעג לאָזן,
זיי פּראַנק און פריי אַוועקלאָזן —
אַז פאָלגן איז געפאָלגט!

ב ש ל ח — ביים אַוועקשיקן,
די קינדערלעך צום ברעג שיקן,
מיט זאַק און פּאַק אַוועקשיקן —
צו קומען צו אַ טאָלק.

און ס'איז געווען, אַז פרעה האָט אַוועקגעלאָזט דאָס פאָלק, האָט ער גערופן אַז נאָך זיין „זיגן" זאָל מען אים פּאַוואָליע וויגן און אַראָפּטרייבן די פליגן. דער עיקר, פּאַוואָליע וויגן, ווארום נאָך זיין „זיגן" פילט ער זיך נישט פאַר קיין היגן: סע טוט אים ווי פון קאָפּ ביז פיס, זיין גאַנצער גוף. נאָר ווער האָט דען געהערט זיין רוף?

און דאָס פאָלק איז געגאַנגען אויפן וועג פון דער מדבר ביים ים־סוף, אַרום און אַרום, אַלע ווי איינער, סע זאָל זיך נישט אומקערן קיינער.

און משה האָט מיטגענומען יוספס ביינער, אַזוי ווי באַ־שווערן האָט יוסף באַשוואוירן די קינדער פון ישראל, דער־מאָלט נאָך אַמאָל, זיינע ביינער אויפצוברענגען.

האָבן די קינדער געמאַכט אַ ווענטל זייערע זאַכן אויפ־צוהענגען, און זיי האָבן גערוט. ווען זיי זענען געוואָרן מיד.

און דערווייל איז געווען רו און פריד.

יד. איז פרעהן אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז די גאַנצע זאַך איז אָפּ־געקלאָגט געוואָרן. אַז מע האָט אים געהאַלטן אין איין נאַרן וועגן רייסן באַרן און סע מעג אים האַרן וואָס ס'האָט גע־טראָפן: דאָס פאָלק איז אַנטלאָפן. דאָרט ווייט האָבן די קינ־דער פון ישראל שיינע זאַכן צעהאַנגען, צעלייגט און צע־שטעלט, און מע לאַכט און מע קוועלט, און אים פרעהן, האָבן זיי צוויי פייגן אַרויסגעשטעלט.

האָט פרעה אַ פאָר אויגן אַרויסגעשטעלט:

— וואָס, מיר אַ פייג? שוויינ!

און ער האָט באַפוילן, מע זאָל אים ברענגען זיין געצייג, צו רייבן אים און שמירן, ער זאָל זיך קענען רירן, ווען ער מיט די קינדער אַ מלחמה פירן. און נאָכן שמירן, האָט ער זיך פאַרשטעלט אין שוואַרצע פאַפירן, און פון די שוואַרצע פאַפירן, זיך געמאַכט ביים קאָפּ און ביי די פיס צוויי לאַנגע עקן, כדי די קינדער צו דערשרעקן.

— וועקן! זאָל מען אַלעמען אויפוועקן! — האָט ער גע־ליאַרעמט, נישט געווען צום איבערטראָגן, און איינגעשפאַנט זיין וואָגן, זיין רייטוואָגן. און ער האָט גענומען — וואָס ער האָט אַליין נישט גענומען! — און זעקס הונדערט געקליבענע

רייטוועגן, און פון מצרים אַלע רייטוועגן, און עלצטע איבער זיי, און ער האָט געטון א געשריי:

— וואו זענען זיי!
אַלע קעץ,
אַלע הינט,
אַהער זיי געשווינט!

האָט ער אָנגעשטעלט די הינט, אַז זיי זאָלן זיך צעבילן: „האוו־האוו“, און די קעץ, אַז זיי זאָלן זיך צעמיאוקען: „מיאַ־מיאַו“, דעמאָלט ווען ער וועט א טרעסע טון מיט זיינע צוויי שוואַרצע לאַנגע עקן, ווי טויטע אויפצואווען, כדי די קינ־דער צו דערשרעקן.

האָבן די קעץ זיך גענומען באַלעקן און גלאָצן מיט זייע־רע אויגן, און געגענעצט, זיך געצויגן.

האָבן די הינט זייערע קעפּ אַוועקגעבויגן מיט די אויפ־געשטעלטע אויערן און זיך גענומען ווי פאַרטרויערן.

— סע טאָר נישט לענגער געדויערן! — האָט פּרעה אויס־געשריפן און זיך אויסגעצויגן ווי א שלאַנג און באַפוילן, אַז סע מוז זיך שוין אָנהייבן דער גאַנג, זיי נאָכצויאָגן, אַז ער מוז, אַז ער וויל עס שוין טון! —

און קיין הונט האָט קיין ביל נישט געטון. —

און ער האָט גענומען זיין צעקנייטשטן צילינדער, און נאָכגעיאָגט די קינדער.

און דאָרט, מיט די שאָף און רינדער, מיט די אַלע שיינע זאַכן, מיט אַלץ, האָבן די קינדער דאָרט ביים ים גערוט, און האָבן נישט געוואוסט נישט פון קיין וואָרימס און נישט

פון קיין קאַלטס. און פלוצלינג האָבן זיי דערפילט ווי זאַלץ אין די אויגן, זאַלץ, אָט איז אַלץ: פרעה האָט זיך דערנענ־טערט. און זיי האָבן אויסגעצויגן זייער האַלדז און געגעבן א געשריי:

ווייַ! די מצרים ציען הינטער זיי!

נו גיי, טו, שריי גוואַלד. נעם האַלט אים אָפּ, האַלט, מאַך אים מיד, מאַך אים מאַט.

און די קינדער פון ישראל האָבן מורא געהאַט, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַט. זיי האָבן מורא געהאַט, צי פרעהן האָט עפּעס נישט פאַרשאַט, ווייל ער האָט פאַרבאָטן פאַר זיי פון אַ גרעזל ביז אַ בלאַט. ווייל ער האָט זיי אַזוי פיל שלעכטס געטון. צי האָט מען נישט זיין „רעכטס" געטון, צי האָט מען אים נישט דערפאַר באַשטראָפט און געמאַכט פאַר אַזאַ וועוו־ריקל מיט אַזוינע צוויי לאַנגע עקן?

אַז טאַקע נאָר זיך צו דערשרעקן!

איז, ווער וועט שטרעקן אַ האַנט צו אים, ווער? ווען ער מיט זייניקע זענען פיל, זענען מער! — זענען געוועזן גע־שרייען אַהין און אַהער. וואָס טוט זיך דאָ דערמער? — און די קינדער פון ישראל האָבן זייער מורא געהאַט.

האָט משה צו זיי געזאָגט:

— שאַט, איר זעט דעם שטעקן! נו, זאָלט איר אייך נישט שרעקן פאַר זייערע צוויי לאַנגע עקן. מעג זיין מער פון צוויי און מער פון פיר, און ווען אפילו נישט פון פאַפיר, צעריים איך זיי אויך מיט איין שמיר. דער עיקר, איר הערט זיך נאָר צו צו מיר, וועט זיין ווי יעדער פון אייך וויל. גאָט וועט מלחמה האַלטן פאַר אייך, און איר וועט שטיין שטיל.

און משה האָט געוואוסט וואָס יעדער פון זיי וויל. און ער האָט אויפגעהויבן זיין שטעקן און אויסגעשטרעקט זיין האַנט, איז פּרעה געבליבן ווייס ווי די וואַנט — סע זאָל אים נישט זיין צו קיין שאַנד.

האָט משה אויפן ים אויסגעשטרעקט זיין האַנט, האָט זיך פאַר פּרעהן אָנגעהויבן א דריקעניש, א שטיקעניש, וואָרום דער ים איז געוואָרן א טריקעניש און פאַר די קינדער פון ישראל א דערקוויקעניש. די קינדער פון ישראל זענען אריינ־געגאַנגען אין מיטן ים אויף טריקעניש. און די וואַסערן זענען זיי געווען א מויער פון צוויי זייטן: פון דער רעכטער און פון דער לינקער.

האָט פּרעה געוואָלט זיין פלינקער און די מצרים האָבן נאָכגעיאָגט, און זיי האָבן די קינדער אָנגעיאָגט. און זענען אַריין אין מיטן ים נאָך זיי.

און שטיי, דאָ שטייט!

זיי האָבן זיך נישט געקענט טון קיין ריר, נישט קיין דריי. און דער ים האָט זיך אומגעקערט אקעגן פרימאָרגן צו זיין שטאַרקייט, און געמאַכט א סוף צו פּרעהס איינגעשפּאַרט־קייט, צו זיין האַרטקייט.

אוי האַרטקייט! די מצרים זענען געוואָרן ווייך און צע־שוואומען ווי פּאַפּיר, ווי פישלעך פון פּאַפּיר. און מיט וואַ־סער זיך אָנגעטרונקען און זיך אונטערגעטונקען.

האָבן די קינדער איינער מיטן אַנדערן זיך איבערגע־וואונקען, ווען ס'האָט שוין געטאָגט, גלייך ווי זיי וואָלטן גע־זאָגט, אַזוי צו זאָגן:

ענדלעך האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן! פּרעה האָט דאָך

געמיינט, אז פון יעדן איז ער מער וואוילער יונג פון יעדן פלינקער — אזא קינקער־פינקער!
און פון דער לינקער זייט און פון דער רעכטער זייט זע־נען די וואַסערן, פאַר די קינדער געווען א מויער — און אויס צרות, אויס טרויער, אויס שטיקעניש — און די קינדער פון ישראל זענען געגאַנגען אין מיטן ים, אויף טריקעניש, און אויס באַדריקעניש.

טו. דעמאָלט האָט משה און די קינדער פון ישראל געזונגען — אזש אין אלע לענדער האָט עס אָפּגעקלונגען —, ווי שיין און גרויס זיי זענען פון מצרים אַרויס, נאָך דעם וואָס זיי זענען דאָרט געווען אַזוי דערשלאָגן און פאַרביטערט.

פעלקער האָבן געהערט,
האָבן זיי געציטערט.

געציטערט, דערשראָקן, א שוידער, צעגאַנגען זענען זיי פאַר פחד און פאַר אימה וואָס ביים ים איז געשען — ביז דע־מאָלט האָט מען אַזוינס נאָך נישט געהערט און נישט געזען — אין אַלע לענדער האָט עס אָפּגעקלונגען.
דעמאָלט האָט משה און די קינדער פון ישראל געזונגען.
און מרים האָט געזונגען.
מרים די נביאה, אהרנס שוועסטער, האָט גענומען די פויק אין איר האַנט, און די ווייבער, אַלע באַנאַנד, זענען אַרויסגע־גאַנגען נאָך איר — צום ליד, צום שיר — מיט פויקן און מיט טענץ.



מרים טאנצט מיטן פייקל פאָלק

מיט פּויקן און מיט טענץ.
און נאָך די טענץ, און נאָך דער שירה —
נאָך דעם דאַזיקן געזאַנג —
האָט מען זיך געלאָזט אין וועג,
און ס'הייבט זיך אָן אַ נייער גאַנג.

זיי זענען פון מצרים אַרויס, שיין און גרויס.

און נאָך דעם, וואָס זיי זענען פון מצרים אַרויס, זענען זיי דעם ים אַריבער מיט גלאַנץ. געזונט און פריש און גאַנץ.

אָבער עסן גייט נישט פאַר קיין טאַנץ.

ס'איז אַלץ טאַקע גוט און וואויל. נאָר וואָס טוט מען, אַז דער מאָגן איז הויל? און מע דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז מרינ־קען איז נאָך נייטיקער פון עסן. זענען זיי געוואָרן בלאַס און בלאַסער, וואָרום זיי זענען געגאַנגען דריי טעג אין דער מדבר, און האָבן נישט געפונען קיין וואַסער. און ווען זיי האָבן שוין יאָ געפונען, האָבן זיי אַזש געטון אַ ציטער, ווייל דאָס וואַסער איז געווען ביטער.

— ביטער! ביטער! האָט געמורמלט איינער, אַ צווייטער, אַ דריטער.

— נאָר נישט ציטער! — האָט זיי משה באַרואיקט. און ער האָט דערזען אַ בוים, און ער האָט אים אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, און ווי דער בוים איז געוואָרן אַ נאַסער, איז דאָס וואַ־סער געוואָרן זיס, אַז נאָר גיס.

און דאָרטן, וואו דאָס וואַסער איז געוואָרן זיס, האָט זיי משה געלערנט און געלערנט און צו פאַרשטיין זיי געגעבן, ווי

אזוי צו לעבן. ווי צו באַשיצן א שוואַכן, א מידן, און זיך לעבן צופרידן.

טז. אָבער די קינדער פון ישראל זענען נישט געווען צופרידן.

זיי האָבן געלערנט און געלערנט און זיי האָבן נישט גע־קענט פאַרשטיין, וואָרום ס׳האָט ביי זיי געקלונגען אין די ציין: נישט געווען נישט קיין גרעזל, נישט קיין פלאַנץ.

און — עסן גייט נישט פאַר קיין טאַנץ.

ס׳איז געווען א טאַנץ ביי זיי אין מאָגן. און א ליידיקער מאָגן קען נישט אלעמאָל זאָגן, רעדן, האָבן זיי אין דער מדבר געמורמלט אקעגן משהן און אקעגן אהרנען:

— זע נאָר, זע, משהן מיט אהרנען! אונדז אַרויסגעבּרענגט אין דער דאָזיקער מדבר אָן קיכעלעך, אָן פלעצעלעך, אויסצו־גיין ווי קעצעלעך. אָן קיכעלעך, אָן פלעצעלעך, זע נאָר זע! נו, און לעקעכלעך, און באָמבאָנעס! זע נאָר, זע! און ראָגע־לעך, און ברויט מיט קימל!?

— ס׳וועט רעגענען מיט ברויט פון הימל — האָבן משה און אהרן געזאָגט צו אַלע קינדער פון ישראל, — ברויט מיט קימל וועט אייך פאַלן פונעם הימל! קינדערלעך, נאַט אייך און נאַט, איר וועט האָבן און האָבן צו זאַט, מער ווי איר האָט געהאַט וואָס איר זענט געזעסן. אז איר וועט אזש פאַרגעסן אין עסן. פאַר דער מאַמען עסן און פאַרן טאַטן, פאַר שוועסטער און ברודער, פאַר יעדער פרוי, פאַר יעדן מאַן. און פאַר די קינ־דערלעך צו נאַשן, נאַשן, א פולע פאַן.

און ווי זיי האָבן אַזוינס געהערט און אַזוינס געזען, האָט

יעדער מיט זיך מיטגעבראַכט אַ קאָן, און אַ געפּרעגעריי איז געוואָרן פון מאַן צו מאַן:

מן הוא? — וואָס איז דאָס?

— אָט וואָס — האָט משה צו זיי געזאָגט — אָט וואָס: מן איז דאָס. וואָס איר ווילט איז דאָס, אַלץ איז דאָס. איר וועט דאָס קלייבן און עסן און אָנקווען. יעדער וועט אין דעם פילן אַ טעם — וואָס ער וועט וועלן. נאָר זעקס טעג זאָלט איר עס קלייבן, אָבער אויפן זיבעטן טאָג איז שבת, שבת, אַ רואונג, קיין שום טואונג, נישט קיין אַרבעט, נישט לויף און נישט יאָג.

און דאָס פאָלק האָט גערוט אין זיבעטן טאָג.

אין יעדן זיבעטן טאָג.

און פערציק יאָר, ביז זיי זענען געקומען צו אַ באַוואוינט לאַנד, צום ברעג פון לאַנד כנען, האָבן זיי דעם מן געגעסן, און זיי האָבן געהיטן נישט צו פאַרגעסן אין משהס זאָג.

דאָס פאָלק האָט גערוט אין זיבעטן טאָג.

יז. און ווידער איז צווישן זיי געוואָרן אַ געקריג, אַ געקלאָג: ס'איז נישט געווען קיין וואַסער צום טרינקען.

—„קינקען!“ — האָבן די קינדער געשריגן — „וויל קינ־קען!“ — און זענען שיעור נישט אויסגעגאַנגען פון דאָרשט.

האָט משה געפאָרשט: וואו נעמט מען טרינקען! וואו נעמט מען וואַסער — זאָל זיין באָרשט, אַבי נישט אויסצוגיין פאַר דאָרשט. און ער האָט אויסגעפאָרשט: ער האָט דערזען אַ פעלז, אַ שטיין, און ער האָט מיט זיין שטעקן געשלאָגן דעם שטיין, האָט פון אים אָנגעהויבן וואַסער אַרויסצוגיין, איז געוואָרן אוים געוויין.

דערנאָך איז ע מ ל ק געקומען צו גיין, און האָט מלחמה געהאַלטן מיט ישראל, האָט מען אים שוין באַצאָלט אויף אַמאָל. משה האָט געזאָגט צו יהושוען וואָס ער זאָל טון: ער זאָל אויסקלייבן מענער, און ווייזן עמלקן ווער ס'איז מער קענער.

האָט יהושוע אויסגעקליבן מענער, אַזוי ווי משה האָט אים אָנגעזאָגט. און מען האָט עמלקן פעסט אָנגעקלאָגט, אים אָנגעהאַקט א קאַרק.

און משה און אהרן און חור — איינער האָט געהייסן חור — זענען אַרויפגעגאַנגען אויפן שפּיץ באַרג. און עמלק האָט גע־בראָכן דעם קאַרק, האָבן די קינדער אַרויפגעקלעטערט אויפן סאַמע שפּיץ, און — פאַר א גערעכעניש — אָנגעשריבן קלאָר און פעסט און שטאַרק, אַז עמלק האָט געבראָכן דעם קאַרק.

יתרו

יח. י ת ר ו — משהס שווער, וואָס האָט געהייסן יתרו, האָט
געהערט, וואָס ס'האָט זיך געטראָפֿן:
פרעהס שווערד
האָט זיך איבערגעקערט
צו זיינע אייגענע פערד
און זיי פאַרטריבן פון דער ערד.
און פאַרן פאָלק ישראל איז געגאַנגען אַ מלאך,
אַ גוטער, ווייסער מלאך,
ביז אַרויף אויפן באַרג.
און ווי עמלק האָט געבראָכן דעם קאַרק, אַז ער וועט זיך
שוין קיינמאָל נישט קענען באַרימען, אַז ער איז שטאַרק. און
די קינדער פון ישראל האָבן געטאַנצט און געשפּרונגען, גע־
פרייט זיך און געזונגען:

האָט זיך עס געטון אַ ביסל
ביים אָוועקלאָזן — בשלח.
שמות, וארא, בא, בשלח —
נו, און יתרו? נו, און יתרו?
יתרו איז געווען אַ גלח.

שמות, וארא, בא, בשלח,
יתרו איז געווען אַ גלח,
מדינס פּריסטער,
אַ מיניסטער.

האָט ער נאָר געהערט — אַ מלאך,
אַז אַ גוטער, ווייסער מלאך
איז געגאַנגען פאַר די קינדער
און געוויזן גרויסע וואונדער,

איז ער מיט זיבן געמען —
אַז מע זאָל אים נישט פאַרשעמען!
בעטן, בעטן, אָנגעקומען
און מע האָט אים אָנגענומען
צו באַשיצן מיטן מלאך,
מיטן גוטן ווייסן מלאך.

שמות, וארא, בא, בשלח,
יתרו איז געווען אַ גלח.

ער איז געווען דער פּריסטער פון מדין, משהס שווער — נישט גלאַט אַבי ווער — און ווען ער האָט געהערט פון דעם אַלעם גוטן. איז ער מיט די קינדער געוואָרן אַ גאַנצער מחותן. ער האָט זיך געפרייט איבער אַלעם גוטן, וואָס גאָט האָט געטון צו ישׂראל, וואָס ער האָט זיי אויסגעלייזט פון אַלע ווייערע נויט.

און אַהרן און אַלע עלצטע האָבן יתרון פאַרבעטן אויף

ברויט, יתרון, משהס שווער. האָט יתרו צוגעזען, ווי משה לויפט אהין און אַהער, צו פאַרזאָרגן דעם און יענעם, ציִ האָט נישט איינער ווינציקער און איינער מער.

ציִ האָט עמיצער זיך נישט פאַרגעסן אין שפּילן — ער קען זיך נאָך פאַרקילן — און ציִ האָט ווער ביי וועמען נישט אויס־געגנאַרט די שטיינדלעך צום שפּילן.

ער איז געלאָפן די קינדער איינגעמען און אַרומהילן, זיי זאָלן זיך נישט קריגן און נישט פאַרקילן. סע זאָל קיין שום שלעכטס נישט געשען.

און ס'איז געווען אויף מאָרגן, האָט משה געזאָגט, אַז קיי־נער זאָל זיך נישט זאָרגן, ווייל היינט און מאָרגן און איבער־מאָרגן און דאָס גאַנצע לעבן, איז אַלדאָס גוטס פאַר יעדן גע־געבן. יעדער וועט האָבן אַלץ וואָס ער וועט באַדאַרפן, אויב מע וועט זיך נאָר איינער מיטן אַנדערן נישט וואַרפן, און קיין שווערדן נישט שאַרפן — נאָר שפּילן אויף האַרפן, נאָר שפּילן און שפּילן, אַפילו מיט שטיינער — פון פאַפּיר — זיך וואַרפן.

האָט משהס שווער צו אים געזאָגט:

— דו ווייסט דאָך, אַז טאָגן האָט שוין געטאָגט און מע דאַרף מיט די קינדער שפּילן און לערנען, איז, נעם דיר צו הילף אַזוינע, וואָס מע קען זיי נישט גרינג דערצערנען, אַז זיי זאָלן דיר צוהעלפן מיט אַלע קינדער זיך שפּילן און לער־נען. אָבער סע זאָל זיך נישט הערן קיין געוויין, סע זאָל זיך נישט זען קיין טרער.

האָט משה צוגעהערט צו דעם קול פון זיין שווער, וואָס איז נישט געווען אבי ווער, און ער האָט געטון אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט.

און צו די קינדער האָט ער געזאָגט:

— נישט וויינט, נישט קלאָגט, זאָל יעדער טון וואָס אים וועט זיך נאָר וועלן דערעיקר, אַז איינער זאָל דעם אַנדערן קיין פּיסל נישט אונטערשטעלן. זאָל זיין גוט פאַר יעדן, ווי יעדער וועט וועלן, אַז אַלע זאָלן אָנקומען.

און ער האָט צו זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך שיין פאַר־שטעלן און אַרויסבאַגלייטן זיין שוועער. האָבן זיי זיך פאַר־שטעלט — איינער מיט אַ בעזים, אַ צווייטער מיט אַ שער.

אַ דריטער פאַר אַ וועווריקל, אַ פערטער פאַר אַ בער.

און אַזוי מער און מער —

און משה האָט אַרויסבאַגלייט זיין שוועער.

יט. אין דריטן חודש נאָכן אַרויסגיין פון מצרים, אין דעם דאָזיקן טאָג, זענען זיי אָנגעקומען אין דער מדבר סיני. און דאָרטן אין מדבר סיני, אַ פאַרכטיקער טאָג, זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס מע טוט. אַקעגן באַרג האָבן זיי דאָרטן גערוט.

און משה איז מיט מוט אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג. ער איז אַרויפגעגאַנגען פאַר די קינדער עפּעס גוטס אַראָפּצוברענגען. סע זאָל זיי נאָך בעסער זיין, ווי זיי אַליין פאַרלאַנגען — כאַפּט, קינדערלעך, געבראָטענע זאַנגען און קידערט און ווידערט!

האָט משה פון באַרג אַראָפּגענידערט, און האָט זיי געגעבן צוגרייטן, אַך, צו אַ גרויסער זאַך! יעדער זאָל זיין ריין און שיין, אַז מע זאָל קיינעם נישט דאַרפן זאָגן: „גיי דיר!״ און זיי האָבן געוואַשן זייערע קליידער און געהערט משהס זאָג:

— זייט אָנגעברייט אויפן דריטן טאָג.

און ס'איז געווען אויפן דריטן טאָג, ווי ס'איז געוואָרן פריי־מאָרגן, איז — פון ערגעץ־וואו פאַרבאָרגן — אַרויס פייערדי־קע שפיצן, אַזוינע דונערן און בליצן, נישט צו שטיין און נישט צו זיצן. און א שווערער וואָלקן אויפן באַרג, און א קול פון שופר איז געווען זייער שטאַרק. האָבן זיך אַלע פאַר־שטופּט און פאַרשטעלט, זיי האָבן געמיינט סע קערט זיך איבער די וועלט. האָט זיי משה אונטערן באַרג געשטעלט און זיי האָבן געציטערט, און דער גאַנצער באַרג האָט געצי־טערט. די קינדער האָבן זיך אין זייערע מאַמעס אָנגעהאַלטן, דער קול פון שופר איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַר־קער, דער באַרג סיני — אינגאַנצן אין רויך, און משה איז אַרויפגעגאַנגען הויך־הויך, אויפן שפּיץ־באַרג —
אויפן שפּיץ באַרג.

כ. און ווי זיי האָבן זיך אַזוי אָנגעהאַלטן, יעדער ביי זיין מאַ־מען—בשעת די דונערן, און די פלאַמען, דעם קול פון שופר, און דעם רויכיקן באַרג — האָבן זיי דערהערט א קול מעכטיק און שטאַרק:

— ביז אַהער, צום באַרג, דיך אַרויסגעצויגן פון מצרים, פון קנעכטשאַפט, און אויסגעבויגן, אויסגעגלייכט דיין רוקן,

זאָלסטו דיך צו קיינעם נישט בוקן.

זאָל וואָרהאַפטיק זיין דיין יעדעס וואָרט.

געדענק דעם טאָג פון שבת — רו אין יעדן אָרט.

האַלט בכבוד דיין פאָטער און דיין מוטער.

זאָלסט קיינעם נישט שלאָגן.

זאָלסט —

זאָלסט זיין א גוטער!

— פאָטער! מוטער! זיין א גוטער! — האָבן זיי געציטערט.

האָט משה צו זיי געזאָגט:

— נאָר נישט געציטערט, הערט, דאָס זענען — פון גאָט די צען געבאָט. האָט נישט קיין מורא, ס'איז א הייליקע תורה.

מִשפּטים

כא. — און אַצינדער,
קינדער,
פלעכטן זיך א קרענצל
און ארום, אַ טענצל! —

האָט משה צו זיי געזאָגט, ווען דאָס הארץ האָט אים פאַר פרייד געגאָגט. און נאָך האָט ער זיי געזאָגט, אז נאָכן טענצל זאָל אַ יעדער זיך פּאָכן מיטן קרענצל, כדי סע זאָל זיי נישט זיין היים, נייערט קיל, און סע זאָל טאַקע שענער אויסזען דער שפּיל. און דערנאָך זאָלן זיי זיך זעצן אין שאָטן, אין דער קיל, וועט זיך אָנהייבן א נייער שפּיל: ווען אַלע וועלן זיך זעצן, וועט ער מיט די עלצטע זיי לערנען מ ש פּ ט י ם — געזעצן.

און ווי אַזוי מיט אַ קינד געזעצן צו לערנען, האָט ער געזאָגט צו די עלצטע, אז זיי זאָלן זיך נישט דערצערנען, זיי זאָלן וויסן מיט א קינד ווי אזוי צו לערנען: לאָזן אים פּאַפּירעלעך רייסן, און נישט זיך כעסן, און נישט שמייסן, נייערט נאָכאַמאָל און נאָכאמאָל דעם קינד געבן צו פאַרשטיין, אז סע זאָל אים קלאָר ווערן דער מיין, און סע זאָל זיך אים נישט אָנ־

גיין קיין געווין. וואָרום יעדעס קינד דאַרף זיין לעבעדיק און פריילעך, שיין און ריין.

האָט ער אָװעקגענומען די עלצטע און זיי געלאָזט שטיין אַליין, זיי זאָלן זיך צוקוקן ווי די קינדער וועלן א טענצל גיין, און ער האָט אַ לאַך געטון צו די קינדער:

— אָט אזוי, אַצינדער,
פלעכטן זיך אַ קרענצל.
שיינע, ליבע קינדער
גייען זיך א טענצל.

און דאָס האַרץ האָט אים פאַר פרייד אזש געצאַפּלט און גענאָגט, פון די קינדערלעכס פריילעך זיין, פון זייער טאַנצן און שפּרינגען. און אַזוי האָט ער צו די עלצטע געזאָגט און געזונגען:

— מ ש פּ ט י ם — געזעצן,
געזעצן פאַר צייטן —
זיך פירן ביי לייטן
צו נאָענטן און ווייטן.

געזעצן — מ ש פּ ט י ם,
נישט ברען אים, נישט בראָט אים,
נאָר לערן אים און ראָט אים,
געזעצן — מ ש פּ ט י ם.

מ ש פּ ט י ם — געזעצן,
געזעצן פאַר צייטן —

זיך פירן ביי לייטן
צו נאָענטן און ווייטן.

ווען די קינדער געקומען צו לויפן, צו רייטן, זיך מאכן א שפּיל מיט א טאַנץ, אַ באַנייטן און האָבן זיך אויסגעשטעלט אין פיר שורות, געשלאָסן ווי א מס. און איינעם האָבן זיי אַריינגעשטעלט אין דער מיט, ווי אין א קלעם. און האָבן אָנגעטון אויף זיין קאָפּ פּרעהס צעקנייטשטן צילינדער, פּאַר א צייכן פון די וואונדער. די אלע וואונדער, וואָס צו זיי איז געטון געוואָרן אין מצרים, און פון מצרים ביז צום באַרג, וואו עמלק האָט געבראָכן דעם קאַרק. ביז צום באַרג, פון וואו זיי האָבן געהערט צען געבאָט —פון גאָט — געהערט מיט שרעק און מיט מורא, אַ הייליקע תורה.

און אזוי ווען די פיר שורות געשטאַנען אויסגעשטעלט, קיינער פון זיי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. דאָס האָבן זיי אָפּגעוואַרט עפּעס אַ וואָרט. און א געזאנג האָט זיך דערהערט אויפן אָרט, און גענומען באַוועגן די קינדער:

— אָט אַזוי, אַצינדער,
פלעכטן זיך א קרענצל.
שיינע, ליבע קינדער
גייען זיך א טענצל.

האָבן די קינדער, צו פלעכטן זיך א קרענצל, געהאלטן זיך אין באַוועגן אויף צוריק און אקעגן, אויף שטעגן און וועגן, געקליבן בלימעלעך און געפלאָכטן, און זיך צעזונגען ביי יעדן ריר:

— אַזוי־אָ פלעכטן מיר
און פלעכטן נאָר און פלעכטן —
צו בעסערן דעם שלעכטן,
באַשיצן דעם גערעכטן.

און נאָכן פלעכטן, האָבן זיי זיך געלאָזט אין א טענצל, אַ יעדער מיט זיין קרענצל, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לער־נען, דאָס לערנען געזעצן:

— דער וואָס שלאָגט די קינדער, זאָל מען אים אַוועק־טרייבן פון שפּיל, אים לאָזן שטיין באַזונדער.

— און דער פון די קינדער, וואָס פאָלגט נישט טאַטע־מאַמען, זאָל מען פון אים אַוועקקוקן, אז זיין פּנים זאָל זיך פאַר בושה רויטלען און פלאַמען.

כב. — און א פרעמדן זאָלסטו נישט קריוודען, נישט דריקן, נישט שטיקן, נייערט דערקוויקן. העלף אים, באַפריי אים, וואָרום פרעמדע זענט איר געווען אין לאנד מצרים. ווייסטו איר שוין ווי שלעכט ס׳איז!

— אַן אַלמנה און אַ יתום זאָלסטו נישט פייניקן, ווען אפילו ווי גערעכט דו ביסט, אַן אלמנה, א יתום צו זיין, — ווי שלעכט דאָס איז!

כג. — זאָלסט נישט אַרויסלאָזן, אויף עמעצן קיין פאַלשן קלאנג, נייערט וואָרהאַפטיק זאָל זיין דיין יעדעס וואָרט, דיין יעדער גאנג.

— ווען א סך אפילו זאָגן א נאַרישקייט, זאָלסטו נישט צו־

שאָקלען מיטן קאָפּ, וואָרום דאָס וואָלט געווען פון דיר נאַ־
ריש און גראָב.

אין זיבעטן טאָג זאָל זיין רו, אַלץ זאָל רוען ווי דו.

— אַ יום־טוב זאָלסטו האלטן דריי מאָל אין יאָר — א יום־
טוב ביז גאָר!

און אויב צוהערן וועסטו צוהערן צו די דאָזיקע רייד, וועס־
טו זיך מערן און אַרבען דאָס לאַנד מיט גליק און פרייד. מיט
גליק און פרייד.

כד. האָבן אַלע געענטפערט מיט איין קול, ווי מע שטייט און
גייט: — מיר וועלן טון און געהאָרכן די־אַלע רייד.

און משה האָט מיט פרייד די דאָזיקע רייד און נאָך אַזעל־
כע רייד, פאַרשריבן, אַזוי איז פאַרבליבן א בונד. דאָס איז
דאָס בוך פון בונד — אַז אַלע וועלן זיין וואוילע קינדער, וועלן
זיי זיך שפּילן, זיין פריילעך, פריש און געזונט — דאָס איז דאָס
בוך פון בונד.

און משה האָט פארנומען פון גאָט, אַז ער וועט אים געבן
שטיינערנע לוחות מיט דער תורה, מיט דעם געבאָט.

איז משה ארויפגעגאנגען אויפן באַרג — דערווייל איז
גאָרנישט געווען שלעכט, פאַרקערט, אלץ האָט אויסגעזען
אַזוי גוט און וואויל און רעכט — און משה איז געווען אויפן
באַרג פערציק טעג און פערציק נעכט.

תרומה

כה. ת ר ו מ ה — אַן אָפּשיידונג.

פון פאַרשידענע טייערע און נוצלעכע זאַכן נעמען און אָפּ־
טיילן, אָפּשיידן —
ת ר ו מ ה — אַן אָפּשיידונג.

און פון דער אָפּשיידונג, פון דער אָפּטיילונג פון ליינען צי
קופּער, ציגן־האָר צי שטיינער, ווי איינער — וואָס יעדער וועט
אַליין געבן, אָן שום באַמיאונג — מאַכן פון דעם אַ משכן, אַ
רואונג.

און ווי אַזוי סע זאָל אויסזען אַזאַ משכן, אַזאַ רואונג, און ווי
אַזוי דאָס אַלץ צו מאַכן, איז משהן אויפן באַרג געזאָגט גע־
וואָרן און געוויזן געוואָרן דאָס אויסזען פון די אַלע זאַכן.

וואָרום וואַכן האָט איבער משהן געטון וואכן און היטן,
זאָגן און ווייזן די גאַנצע צייט, וואָס ער איז אויפן באַרג גע־
ווען, כדי ער זאָל אַלץ וויסן, ער זאָל אַלץ און אַלץ האָבן גע־
הערט און געזען.

אַז ווען ס׳וועט געשען, ווען דער משכן וועט שוין זיין
געמאַכט, זאָל ער זיין אַזוי שיין און ריין, אַז סע זאָל זיין אַ

פרייד אויף אים צו קוקן. די קינדער זאָלן זיך דערקוויקן, די קינדער זאָלן זיך פרייען מיט אַלע שיינע זאַכן.

און אינײנעם און באַזונדער זאָלן די קינדער אויסזינגען וואונדער איבער וואונדער:

— זעט נאָר, זעט, געשניצטע פייגל, ווינקט אַ יעדעם מיט אַן אייגל!

— און די לייבן — פון די ערטער זיך הייבן! אָט לאָזן זיי זיך אַראָפּ אויף די טרעפּלעך!

— לאָמיר אַנטלויפן אין די הויפן אָדער אַנישט, שפּילן אין קנעפּלעך, וועט היינט געווינען דער, ווער ס'האָט נעכטן פאַרלוירן.

און אַזאַ ארון צו מאַכן, איז משהן אויפן באַרג געזאָגט געוואָרן. אַזאַ ארון, נישט מיט אים צו פאָרן, נייערט אים אַזוי צו טראָגן און פרייען זיך און זינגען.

— זאָל דער ארון געמאַכט ווערן מיט פיר אַזוינע רינגען, און אין די רינגען אַזוינע שטאַנגען, ס'זאָל זיין גרינג צו דערלאַנגען, צו טראָגן דעם ארון אויף די שטאַנגען. צו טראָגן און פרייען זיך דאָס גאַנצע לעבן.

— און אין דעם ארון זאָל ווערן אַריינגעגעבן דאָס געזעץ, וואָס לערנט ווי אַזוי צו לעבן, אַז יעדן זאָל זיין גוט און וואויל, יעדער זאָל זיין לוסטיק און פריילעך, יעדער זאָל זיין געזונט און שטאַרק — דאָס געזעץ, וואָס גאָט וועט משהן געבן אויפן באַרג. און דעם ארון, מיט די רינגען מיט די שטאַנגען, אויפן גאַנצן לעבן צו טראָגן און צו פרייען זיך, טאַנצן און דרייען זיך, ארום אַ טיש, אַרום און אַרום, אַז סע זאָל אַוש גיין אַ רויך.

— זאָל געמאַכט ווערן אַ שלחן — אַ טיש, לאַנג, ברייט

און הויף. מיט א קראַנץ רונד־אַרום, מיט רינגען און מיט שטאַנגען. און א טאַנץ רונד־אַרום, טענץ מיט געזאַנגען. נאָר אַלץ אַזוי שיין און ציכטיק.

און סע זאָל זיין ליכטיק!
ליכטיק ביז גאָר,
אויף אַלע יאָר,
אויף יעדן אָרט,
דאָ און דאָרט,
וואו סע וועט טון רוען גוטסקייט, חכמה און תורה.

און געמאַכט זאָל ווערן א מנורה, — מיט זיבן רערן זאָל זי זיין. און לייכטן און באַלייכטן זאָל די מנורה מיט די זיבן רערן, אז נאָר גוטס און פריילעכס זאָל זיך זען און הערן,
אז גוט און וואויל זאָל ווערן!

כו. און משה האָט אויפן באַרג געהאַלטן ערשט ביים אָנהייב פון זען און הערן.

— סע זאָל ווערן געמאַכט פירהאַנגען פון ציגן־האָר פאַר א געצעלט איבערן משכן. א געצעלט, א באַזונדערע שיינע וועלט! אַזוינע שיינע און טייערע זאַכן, און נאָך און נאָך צו מאַכן, נאָר מיט גוטסקייט, חכמה און תורה, אויף וואָס די וועלט זאָל זיין געשטעלט. און צו מאַכן א פירהאַנג צום אַריינגאַנג פון געצעלט.

די קינדער זאָלן קענען אוועקשאַרן א שטיקל פירהאַנג און כאַפּן א קוק־אַריין, א קוק־אַרויס, א שפּיל זיך טון אין דעם הויז, א שפּיל אין באַהעלטעניש און אין וואָסער שפּיל די קינדער געפעלט.

כז. און צו מאַכן דעם הויף פון משכן: פירהאַנגען פאַרן הויף
— פון געדרייטן ליינען. און באַפּוצן און באַשיינען.
און פאַרן טויער פון הויף א פירהאַנג פון צוואַנציק איילן.
און דאָס אַלץ נעמען פון דעם, וואָס יעדער וועט אַליין
אָפּטיילן, וואָס יעדער וועט אַליין אָפּשיידן —
ת ר ו מ ה — אַן אָפּשיידונג.

ווי קינדער לייגן זיך צונויף און יעדער גיט אַליין:
ווער — א ליינען־שלעפּל,
ווער — א קופּערן קנעפּל,
און ווער סע וויל גאָר
גיט ציגן־האָר,
צי שיינע שטיינער —
ווי איינער.

און דערנאָך, אַלע ווי איינער, מיט א קראַנץ רונדאַרום,
מיט רינגען און מיט שטאַנגען. און א טאַנץ רונדאַרום, טענץ
מיט געזאַנגען. און אַלץ אַזוי ריין און שיין און ציכטיק,
אַז אויף שטענדיק ווערט שוין ליכטיק!

תצוה

און משה איז נאָך אַלץ געווען אויפֿן באַרג. ס'איז נאָך נישט געווען דער סוף פֿון די פערציק טעג און פערציק נעכט, איז דערווייל נאָך פֿאַר יעדן געווען רעכט. קיינער האָט נישט גע־זאָגט נישט גוט און נישט שלעכט, ווי איינער רעדט: ער איז זיך אויפֿן באַרג, זאָל ער זיך זיין דאָרט געזונט און שטאַרק.

און די גאַנצע צייט וואָס משה איז געווען אויפֿן באַרג, פערציק טעג און פערציק נעכט, איז פֿאַר אים אויפֿגעפֿלאָכטן געוואָרן יעדעס געפֿלעכט, אויפֿגעפּלאָנטערט געוואָרן יע־דער פּלאָנט, אַז אַלץ האָט ער געוואוסט און געקאָנט.

ס'איז אים געוויזן געוואָרן און אַנטפּלעקט געוואָרן אַלצ־דינג, וואָס ס'איז געווען פֿאַרהוילן און פֿאַרבאָרגן, אַז ער דאַרף זיך גאָרנישט זאָרגן, ס'גייט אויף די קינדער אַ ליכטיקער מאָרגן.

אַך, ווי שיין סע וועט אויסזען דער ליכטיקער מאָרגן! — האָט משה זיך פֿאָרגעשטעלט — ווען די קינדער וועלן זיך איינזאַמלען אין געצעלט, אין דעם געצעלט פֿון איינזאַמלונג, אין אוהל־מועד, ווען סע וועט שוין זיין אויפֿגעבויט.

די קינדער וועלן אין אוהל־מועד שורותווייז, ווי פייגעלעך שטיפן מיט די אייגעלעך:

אוהל — א געצעלט,
אַך, ווי שיין געשטעלט!
מועד — איינזאמלונג,
ווי יעדערן געפעלט.

און אַלץ וועט אויסזען אַזוי באַשטראַלט און באַהעלט. ס'וועט לייכטן אַזאַ ליכט, וואָס אהרן און זיינע קינדער וועלן עס האָבן צוגעריכט — יעדן זאָל זיין ליכטיק, יעדער זאָל זיין פריי, קיינעם זאָל קיין שום זאך נישט פעלן.

ת צ ו ה — זאָלסט באַפעלן — איז צו משהן געזאָגט געוואָרן.

ת צ ו ה — זאָלסט באַפעלן די קינדער פון ישראל. זאָלסט זיי זאָגן און זאָלסט זיי לערנען און באַפעלן, אז זיי זאָלן באַנעמען און פאַרשטיין, אז אויב זיי ווילן סע זאָל זיי גאָרנישט פעלן, זאָלן זיי איינער איבערן אַנדערן נישט הערשן, נישט באַפעלן — אַן אייביק געזעץ אויף דור־דורות פאַר די קינדער פון ישראל.

כח. — און דו מאַך געגעגנען — האָט גאָט גערעדט צו משהן ווידער אמאָל — דו מאַך גענעגנען צו דיר דיין ברודער אהרנען, און זיינע זין מיט אים, פון טאָל. פון צווישן די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן זיין כהנים. איז, מאַכן גענענגען צו דיר זאָלסטו אהרנען גלייך ווי דו וועסט קומען אהין: אים און

— נדב, און אביהוא, אליעזר, און איתמר — זיינע זין. און אים, אהרנען, זאָלסטו מאכן קליידער פאַר שיינקייט: א מאַנטל, און א געקעסטלט העמדל, א הויב, און א — מיין נישט אַז שוין, זייער פיל איז דאָ אויסצורעכענען וועגן די קליידער פון אהרן הכהן.

וועגן די קליידער, וועגן די שיינע זאכן — וועגן און וועגן — בענדער, שטיינער און רינגען און, צו זאָגן און צו זינגען. סע זאָל גלאנצן און קלינגען און אויסזאָגן, ווער פון די יונגען ס'איז אַנטשלאָפן געוואָרן אומגעגעסן און האָט פארגעסן צו זאָגן „א גוטע נאַכט" דעם טאַטן מיט דער מאַמען, דעם זיידן מיט דער באבען, און דעם פעטער מיט דער מומען —

אַלץ וועלן אויסזאָגן די אורים ותומים!

אורים־ותומים. — אַזוינס און אַזאַס, וואָס מיט איין מאַך ווערט אזא ליכטיקייט, וואָס ווייזט אויף קלאָר אַ יעדע זאַך.

ביי אהרנען אויפן הארצן זאָלן זיי זיין די אורים־ותומים. זיי וועלן — גלאנצנדיק און ליכטיק — אויסזאָגן אינגאנצן, און אונטערשיידן פון פאַלש ביז ריכטיק, פון פינצטער ביז ליכטיק.

און אַ שטערנבענדל זאָל זיין אף אהרנס שטערן, כדי די קינדער זאָלן דערקענען, אז דאָס איז דער, וואָס וועט זיך אָננעמען פאַר זיי, וואו זיי וועלן זיך ווענדן און קערן. וועלן זיי אים זען צו פאָלגן, צו הערן:

איינער דעם אַנדערן זאָל נישט ברענגען צו קיין טרערן, נישט געבן קיינעם קיין קלאַפּ, נישט קיין זעץ, וועלן זיי קיינמאָל נישט אריינפאַלן אין קיין נעץ —

פאַר אַלע אַן אייביק געזעץ.

כט. האָט משה אַלץ באַנומען וואָרט ביי וואָרט — אויפן באַרג, אויף יענעם אָרט:
— און דאָס איז די זאַך, וואָס דו זאָלסט טון צו זיי שפּעטער, דאָרט, צו אהרנען און צו זיינע זין, זיי פאַר כהנים צו מאַכן: זיי אָנטון די אַלע שיינע זאַכן, גאַרטלען אויף די מאַנטלען, אויף די קיטלען, און היטלען, און — זאָלסט טון צו אהרנען און צו זיינע זין, אַלץ וואָס איך האָב דיר באַפוילן צו טון.

ל. — און אהרן זאָל טיילן פאַר די קינדער שמעקעדיקע בלו־מען, ווען זיי וועלן נאָר קומען, אין פרימאָרגן און קעגן אָוונט, ווען אהרן וועט אָנצינדן די רערלעך פון דער מנורה, סע זאָל זיין ליכטיק, די קינדער זאָלן נישט האָבן קיין מורא. און דער, וואָס וועט זיי וועלן שלעכטס טון, וועט אַריינפאַלן דאָרט אין א פּאַס, און וועט זיך קוילערן און קאַטשען ביז אהרן וועט אים פּאַקן אויף זיין גאַס. און אז אהרן וועט זיך אָננעמען פאַר די קינדער בלויז איין מאָל אין יאָר, וועלן זיי שוין זיין זיכער ביז נאָך א גאַנץ גייענדיק יאָר.

כי תשא

— כי — אז
ת ש א — דו וועסט אויפנעמען.
די צאָל פון די בני־ישראל. זיי ציילן און, וועמען מען דאַרף
היילן און עפּעס שיינס דערציילן —
האָט גאָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:
— אז דו וועסט אויפנעמען די צאָל פון די בני־ישראל,
זאָלן זיי איטלעכער וואָס גייט אריין אין דער ציילונג, פון
צוואָנציק יאָר אָן, ביים ציילן גלייך טיילן.
און זאָלסט דאָס נעמען און זאָלסט עס געבן פאַר דער
אַרבעט פון אוהל־מועד. סע זאָל זיין שיין אין געצעלט און שיין
אויף דער גאַס. און זאָלסט אויך מאַכן אַזאַ פאַס, א האַנטפאַס,
זיך צו וואַשן. און זאָלסט מיט שמעקעדיקע געווירצן זאַלבן,
באַשמעקן, דעם אוהל־מועד, און דעם אָרון פון געזעץ, און
דעם טיש, און די מנורה, און — אַזוי ווי סע שטייט אין דער
תורה —
זאַלבן, באַשמעקן, אַלע ווינקעלעך און אַלע עקן.

לא. — און זע, — האָט גאָט געזאָגט צו משהן אַזוי צו זאָגן: —

בצלאל, דעם זון פון אורי האָב איך אָנגעפילט מיט א ברכה פון גאָט. מיט א ברכה, אין חכמה און אין יעדער מלאכה. און צו אים צוגעגעבן אהליאב דעם זון פון אחיסמכן, און אַלע קלוגהאַרציקע, אַז זיי זאָלן מאַכן דעם אוהל מועד, און דעם ארון פאַרן געזעץ, און דעם טיש, און די מנורה, און אַלץ וואָס איך האָב דיר באַפוילן. און דו זאָלסט אויך רעדן און פועלן, אַז זעקס טעג זאָל געטון ווערן אַרבעט, אָבער אויפן זיבעטן טאָג זאָל זיין א רואונג, נישט קיין טואונג. —

און נאָכן רעדן מיט אים אויפן באַרג סיני, נאָכן געבאָט פון שבת, האָט ער געגעבן משהן די צוויי לוחות פון געזעץ, פון געבאָט — שטיינערנע לוחות געשריבן מיט דעם פינגער פון גאָט.

לב. און ווי דאָס פאָלק האָט געזען, אַז משה פאַרזאַמט זיך אַראָפּצונידערן פון באַרג, איז אויף זיי אָנגעפאַלן א שרעק. א ציטערניש, אַ קעלט — נישט צו דערוואַרימען. האָט דאָס פאָלק זיך איינגעזאַמלט אַרום אהרנען, און זיי האָבן צו אים געזאָגט מיט האַרטן:

— מיר קענען לענגער נישט וואַרטן! מיט דעם דאָזיקן מאַן משה, ווייסן מיר נישט וואָס מיט אים איז געוואָרן. וואָס־זשע וועט זיין ווען סע וועט זיך צעפלאַקערן איבער אונדז א צאָרן, און סע וועלן זיך פאַרמאַכן פאַר אונדז אַלע טירן. ווער וועט אונדז פירן?

— נעמט אַראָפּ דאָס גאָלד פון אייך, סע זאָל נישט זיין נישט קיין אָרים, נישט קיין רייך, וועלן די וועגן זיין פאַר אייך גלייך — האָט אהרן צו זיי געזאָגט.

האָבן זיי געבראַכט צו אהרנען דאָס גאָלד, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, און זיי האָבן צו אים אַזוי געזאָגט:

— מאַך אונדז אַ גאָט, אַ פירער, און נעם האָלב פון אונ־דזער גאָלד, אַפילו מער פון האַלב.

האָט אהרן ביי זיך געטראַכט, אַז דאָס גאָלד מאַכט דעם פירער, מוז דאָך דער פירער זיין אַ קאַלב. נאָר וואָס זאָל ער טון, אַז ער איז נישט מער ווי איין שוואַלב, און איין שוואַלב קען קיין זומער נישט מאַכן. האָט אהרן געטראַכט וועגן די אַלע זאַכן, אַז ער איז נישט מער ווי איין שוואַלב, און ער האָט געמאַכט אַ געגאָסן קאַלב, אַ גאָלדן קאַלב.

און ווען משה האָט זיך אומגעקערט, און האָט אַראָפּגעני־דערט פון באַרג, מיט די צוויי לוחות פון געזעץ אין זיין האַנט, איז ער געוואָרן ווייס ווי די וואַנט, ווען ער האָט דערזען דאָס קאַלב און די טענץ. און ער האָט אַ וואָרף געטון די לוחות און זיי צעבראָכן. און ער האָט אַ זאָג געטון צו אהרנען וועגן דעם קאַלב און וועגן די טענץ:

— וואָס האָט דיר דאָס פאָלק געטון, וואָס דו האָסט זיי גע־מאַכט ווי פאַר נאַרישע גענדז? אַ גאָט, אַ פירער, — גאָר אַ קאַלב! אָט מאַך איך דערפון האַלב.

און ער האָט גענומען דאָס קאַלב און פאַרברענט און צעמאָלן, געמאַכט דערפון אַ גאָרנישט, אַז ס'איז נישט גע־בליבן דערפון קיין האָר נישט.

און משה האָט געזאָגט צום פאָלק:

— מיר וועלן קומען צו אַ טאָלק, איר האָט טאַקע אָפּגעט־טון אַ גרויסע נאַרישקייט, איר האָט פאַרדעקט אייער פּנים

מיט אַ שוואַרצן טוך, נאָר איך זוך און איך זוך, אַז איר זאָלט נישט ווערן אויסגעמעקט פון גאָטס בוך.

— און אויב נישט — האָט ער געזאָגט צו גאָט — מעק מיך אויס, וואָרום מיין רחמנות אויפן פאָלק איז זייער גרויס!

לג. און משה איז געווען אין זיין געצעלט, און נישט ער האָט זיך געזעצט און נישט ער האָט זיך געשטעלט. ער האָט נאָר אינזינען געהאַט זיין פאָלק, זייער לעבן, זייער וועלט. און זיין באַדינער יהושוע דער זון פון נון פלעגט נישט אָפּ־טרעטן פון געצעלט.

און משה האָט געטראַכט: ווי נעמט מען פאַרן פאָלק די גאַנצע שיינקייט, גאָטס פראַכט!

איז ווידער גוט געוואָרן, ווידער ליכטיק געוואָרן, אויס נאַכט.

לד. האָט משה אויסגעהאַקט צוויי שטיינערנע לוחות אַזוי ווי די ערשטע, און האָט זיך געפּעדערט אינדערפרי און איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג סיני, און אַלץ איז ווידער געוואָרן וואויל און רעכט. ער איז דאָרטן געווען פערציק טעג און פער־ציק נעכט, און אַראָפּגענידערט מיט אַ שטראַלנדיק פּנים, און ס'האָבן שוין מער נישט אַקעגן געטאַנצט קיין נאַראָנים אַקעגן זיין שטראַלנדיקן פּנים.

משה גייט אראפ פונעם בארג סיני
מיט די לוחות אין די הענט

ויקהל

לה. ו י ק ה ל — און ער האָט איינגעזאַמלט.

מאַמע און טאַטע, באָבע און זיידע — די גאַנצע עדה פון די בני־ישראל, ער זאָל קענען רעדן צו זיי אַלע מיט אַמאָל. כדי איינער זאָל נישט דאַרפן ביים אַנדערן בעטן און פרעגן, נייערט יעדער זאָל אַלדאָס גוטס טון קענען און מעגן.

האָט משה איינגעזאַמלט די גאַנצע עדה, מיט הכל־בכל —

ו י ק ה ל.

דאָס איז געווען נאָך דעם, וואָס משה האָט אַראָפּגעני־דערט פון באַרג סיני, מיט די צוויי לוחות פון געזעץ אין זיין האַנט.

נאָך דער בושה, נאָך דער שאַנד, נאָך דער מעשה מיטן עגל, מיטן קאַלב — אַליין זיך אַזוי צו פאַרשעמען!

דערנאָכדעם, ווען ס'איז ווידער גוט געוואָרן, ווען משהס פּנים האָט געשטראַלט, אַז זיי האָבן מורא געהאַט צו אים צו גענענען, האָט משה געזאָגט, אַז קיינער זאָל נישט קיין מורא האָבן, סע זאָל זיך קיינער נישט טון קיין טרעסע, נישט קיין וואַקל, און — ו י ק ה ל :

און משה האָט זיי איינגעזאַמלט, און ער האָט זיי געזאָגט ווי אַזוי מע טוט, ווען מע אַרבעט און ווען מע רוט.

און קינדער טאָרן נישט אַרבעטן. קינדער דאַרפן נאָר לערנען און זיך שפּילן. שטיפן און לאַכן און אַלע גוטע זאַכן. מעגן אומלויפן, ווי א הירש און א האָז, נאָר זיך נישט ציען ביים אויער און נישט זיך שנעלן אין דער נאָז. מעגן זיך שפּילן אין אַלע שפּילן, נאָר אכטונג געבן נישט זיך צו פאַרקילן און מיט פייער זיך נישט צו שפּילן.

און די קינדער וואָס ווען זיך שפּילן מיט פייער, וועלן באַצאָלן טייער.

און משה האָט גענומען זאָגן, וואָס אים איז אויפן באַרג געזאָגט געוואָרן, וועגן תרומה — אַן אָפּשיידונג, וועגן דער גאַנצער טואונג, וועגן מאַכן א משכן — א רואונג.

און משה האָט צו זיי געזאָגט, און צו זאָגן:

— פון די נוצלעכבע זאַכן, וואָס אַלע פאַרמאָגן, זאָל ווערן גענומען אַן אָפּשיידונג, אַ יעדער זאָל ברענגען וואָס ער וועט פאַרשטיין.

ווי קינדער לייגן זיך צונויף און יעדער גיט אַליין:

ווער — א לייענען שלעפּל,
ווער — א קופּערן קנעפּל,

און ווער ס'וויל גאָר
גיט ציגן־האָר,

צי שיינע שטיינער —
ווי איינער —

צו בויען דעם משכן, אלץ דאָרט צו בויען, צו מאַכן. און דער משכן וועט שוין זיין א שיינער.

האָבן זיי אַלע, ווי איינער, גאָרנישט נישט געטראַכט, נייערט איטלעכער, וואָס זיין הארץ האָט אים געהייסן, האָט געברענגט איבער נאַכט.

אַ יעדער האָט אָפּגעשיידט פון דעם, וואָס ער האָט גע־האַט, וואָס ס'איז פאַרן משכן געווען נוצלעך, וואָס ס'איז פאַרן משכן געווען אַ געווינס.

און אלע קלוגהאַרציקע ווייבער האָבן מיט זייערע הענט געשפּונען, און האָבן געבראַכט דאָס געשפּינס, די בלויע וואָל, און דעם ליינען, סע זאָל פאַרפּוצן, סע זאָל פאַרשיינען.

לו. און משה האָט גערופן בצלאלן און אהליאבן, און א יעדן קלוגהאַרציקן מאַן.

און זיי האָבן גענומען — ווער אין א טאָפּ און ווער אין א פאַן, ווער אין אַ קעסל און ווער אין אַ קאַן — די אַלע זאַכן, וואָס די בני־ישראל האָבן געבראַכט.

און — גענומען זיך צו דער ארבעט, אז מאַכן זאָל זיין גע־מאַכט:

דעם משכן אין צען פירהאנגען, און די פירהאנגען מיט—
מיט שלייפן,
מיט האָקן,
מיט גלאָקן,
מיט קלינגער —
צו גיין אויף די שפּיץ־פינגער.

לז. און בצלאל האָט געמאַכט דעם ארון מיט א קראַנץ רונד־
אַרום, מיט רינגען און מיט שטאַנגען. און ער האָט גע־
מאַכט א דעק — און ערשט וואָס אויף יעדן עק פון דעק!
און ער האָט געמאַכט דעם טיש, די כלים, וואָס אויפן
טיש, זיינע שיסלען, און זיינע שאָלן. —
נישט זיך פאַרצושטעלן ווי שיין, נישט זיך אויסצומאָלן!
און די מנורה, אירע רערן, אירע בעכערלעך — אירע
קנעפּ און אירע בלומען —
טאַקע נאָר אויף שמחות צו קומען!

לח. און ער האָט געמאַכט דעם הויף, מיט די אַרומהאַנגען,
מיט די בענדער. —
אויסצופּאָרן שטעט און לענדער!
און די אַלע שיינקייטן, וואָס ער האָט געמאַכט, זענען גע־
ווען שיינקייטן א פּראַכט, — וואָרום דער גייסט פון גאָט האָט
איבער אים געוואַכט.

פקודי

פ ק ו ד י — איבערציילונגען.

דאָס זענען די איבערציילונגען פון משכן, דעם משכן פון געזעץ,

אַז קיינער זאָל נישט אריינפאלן אין קיין נעץ.

פ ק ו ד י — די איבערציילונגען פון די־אַלע זאכן, וואָס זענען גענומען געוואָרן פון דער ציילונג. און ס'איז געווען אַזוי פיל, אז ס'האָט געגרייכט אוש איבער די דעכער.

וואָרום געגעבן האָט געגעבן אַ יעדער, וואָס איז אַריינגע־גאַנגען אין דער ציילונג, ווער ס'איז שוין געווען א בחור א „בעכער"—

פון צוואַנציק יאָר אלט און העכער.

און ווער ס'איז נאָך נישט געווען קיין בחור א „בעכער", ווער ס'איז נאָך א קינד געווען, האָט זיך אויך געשפּילט אין „ציילן", צוזאמען מיט אַלע קינדערלעך.

זיי האָבן זיך אַן עלצטן אויסגעוויילט — דעם וואָס האָט צומשענסטן געשפּילט זיך, געזונגען און דערציילט.

און זיי האָבן זיך צעטיילט, א טייל ביים פענסטער און א

טייל ביי דער טיר, אַזו צו שפּילן זיך אין „צייל ן", און צו זינ־גען אַזאַ לידל, אַזאַ שיר:

אַזוי אָ, קינדער,
ציילן מיר:
נישט איינס, נישט צוויי,
נישט דריי נישט פיר.

נישט פינף, נישט זעקס,
נישט זיבן־אכט,
טאַטע־מאַמע,
גוטע נאַכט!

מאָרגן מער נישט
וויינען, קרעכצן —
נישט אַכט, נישט אַכט,
נישט איז נישט זעכצן.

געשפּילט, געציילט
און איצטער זאָג:
טאַטע־מאַמע,
גוטן טאָג!

און צוקוקן האָבן זיי זיך צוגעקוקט נאָכצוטון ווי ס׳טוען די „גרויסע", וואָס מאַכן פאַרן הויף רונדארום, מיט זייערע העקלעך, די אַלע פלעקלעך.

און שפּרינגען האָבן די קינדער פאַר פרייד אונטערגע־

שפּרונגען, און זיך אַ נעם געטון צו זייערע פּעקלעך, אויך צו מאַכן אַזוינע פּלעקלעך, אַז געפּלאַמט האָבן זייערע בעקלעך.

לט. און מע האָט געמאַכט און געמאַכט און געמאַכט, אַז סע זאָל נישט פעלן קיין שום זאַך, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן, ווי אַזוי אַלץ זאָל ווערן געמאַכט און געבויט.

אַזוי איז פאַרענדיקט געוואָרן די גאַנצע אַרבעט פון דעם משכן פון אוהל־מועד.

און ווען די־אַלע זאַכן זענען שוין געווען גרייט, האָט מען ערשט באַדאַרפט נעמען, ווי סע שטייט און גייט, יעדע זאַך און די אַלע זאַכן צונויפשטעלן. און דעם משכון פון אוהל־מועד אויפשטעלן.

האָבן די קינדער זיך גענומען אויסשטעלן אויף טיש און בענק, אין דער ברייט און אין דער לענג, באַקוקן די אַנטיקן, און זיי האָבן געוואָלט, אַז מע זאָל זיי לאָזן אָנרירן די זאַכן. און אַז מע זאָל זיי זאָגן וואָוהין מע גייט, און מע זאָל זיי מיטנע־מען וואָוהין מע גייט.

האָט מען זיי צוגעזאָגט:

— געזונטערהייט, אפילו לויפט און יאָגט. נאָר נישט גע־שלאָגן זיך.

האָט יעטוועדער פון זיי געזאָגט:

— איך שלאָג זיך? ער שלאָגט!

אָבער זיי האָבן צוגעזאָגט זיך נישט צו שלאָגן, און מע האָט זיי מיטגענומען. און מע האָט גענומען אַלע זאַכן און

געבראַכט צו משהן, א יעדע זאַך ווי זי שטייט און גייט.

און משה האָט געזען
די גאַנצע אַרבעט,
אַז אַלץ איז גרייט,
האָט אים אַרומגענומען
אַ גרויסע פרייד.

און משה האָט זיי געבענטשט מיט אַלעם גוטן, מיט — פאַרנוצן געזונטערהייט.

מ. און געזאָגט און גערעדט איז געוואָרן צו משהן, אַזוי צו זאָגן.

— באַלד ווי סע וועט נאָר אָנהייבן צו טאָגן, זאָלסטו הייסן איינשפּאַנען דעם גרויסן וואָגן.

און אויב סע וועט נישט זיין אַזוי קאַלט, אז מע זאָל זיך פאַרקילן, זאָל מען אַרויפלאָזן די קינדער און מיט זיי פאָרן אויפן פרייען פעלד זיך שפּילן.

זיי זאָלן זיין פראַנק און פריי ווי די פייגעלעך אין פעלד, אַז יעדער זאָל זיך שפּילן אין וואָס אים געפעלט —

אַבי סע זאָל נאָר זיין אַ שפּילעכל —
מעג עס זיין א מילעכל, און אויפן מילעכל א ציילינדער,
און איינער פון די קינדער זאָל זיך צובינדן די אויגן און טאַפּן ווי אַ בלינדער.

און ער זאָל לויפן אַרום דעם קליינטשיקן מילעכל מיטן ציילינדער און באַווייזן וואונדער איבער וואונדער.

אַז מיט איין בלאָז, נעמט אויף דעם אַלעמען וואַקסן גראָז.

און נאָך אַ בלאָז איז שוין גאָרנישט דאָס, שוין עפּעס גאָר אַן אַנדערע וועלט:

יעדעס קינד אַ העלד, אַ שטאַרקער, אַ מאַכער, און סע ווערט געשטעלט אַזאַ משכּן, אַ געצעלט, אַ מנורה מיט מנו־רהלעך — אַ גאַנצע וועלט.

און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:

— אין ערשטן טאָג פון ערשטן חודש זאָלסטו אויפשטעלן דעם משכּן פון אוהל־מועד. און געטון זאָל ווערן געטון אַלצ־דינג אַזוי ווי איך האָב דיר באַפוילן און פאַרטרויט.

און מאַכן האָט מען געמאַכט
און בויען האָט מען געבויט.

און ס'איז געווען אין ערשטן חודש אין צווייטן יאָר, אין ערשטן טאָג פון חודש, איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער משכּן.

און משה האָט אויפגעשטעלט דעם משכּן:

ער האָט פאַרשפּרייט דאָס געצעלט.

און ער האָט אַריינגעלייגט דאָס געזעץ אין דעם אָרון.

און ער האָט אוועקגעשטעלט די מנורה אין אוהל־מועד,— אַלץ און אַזוי ווי ס'איז אים געוואָרן געזאָגט און פאַר־טרויט.

און משה האָט געענדיקט די אַרבעט.

און אַלע שיינקייטן פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך צו־נויפגענומען,

און זיי זענען אַזוי געקומען צונויפגענומען.

אלע שיינקייטן פון דער גאַנצער וועלט, א פראכט, די פראַכט פון גאָט!

און די שיינקייט,
די פראַכט,
פלעגט זיין דאָרט
בייטאָג און ביינאַכט —

פאַר די אויגן פון דעם גאַנצן הויז פון ישראל.

אַזוינס, וואָס ביז דעמאָלט איז נישט געווען, נישט קיין איין מאָל, קיינמאָל.

אַזאַ שיינקייט, אַזאַ פראַכט, בייטאָג און ביינאַכט פאַר די אויגן פון דעם גאנצן הויז פון ישראל.
דעם גאנצן הויז פון ישראל.

Este libro se terminó de imprimir
en los Talleres Gráficos de JULIO
KAUFMAN, Corrientes 1976,
Buenos Aires